## שלום אויף דער וועלט

יא, איך ליב די שיינע זאכן,
פויגל געזאנג, פון נאטור דאס לאכן,
פעלדער אין פרילינג פרעכטיק ווי שיין
צווישן ביימער און בלומען דעמאלט צו זיין.

זון איבער וועלט און הימל ווי קלאר,
צניעותדיקע מיידלעך מיט זיידענע האר,
נאר מערער פון אלץ ליב איך דעם שלום —
וועלט און שלום איז שלעכטער חלום!

יא, איך ליב די זאכן די שיינע,
זינגער און מוזיק, לייטער און ריינע,
א בשורה א גוטע פאר מיר און פאר אלע,
ששון ושמחה, קול חתן און קול כלה.

געלעכטער פון קינדער און ווי זיי זיך שפילן
און גרויס גרויסע מענטשן מיט זייערע געפילן.
נאר מערער פון אלץ די בשורה פון פרידן
פאר פעלקער און ראסן און מענטשן דעם מידן!

---

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין פון
יידישע זשורנאליסטן

## פ א ר ז א מ ל ו נ ג

זונטיק, דעם 27־טן פעברואר, 1977, פונקט 3 א זייגער

אין

21, DEAN STREET, LONDON, W.1.

רעדנער:

דער יידישער מאלער יוסף הערמאן

„יידישע קינסטלער און יידישע קונסט אין ענגלאנד"

„קול רינה" קאר: לידער אין עברית און יידיש

פארזיצער: יוסף פרענקעל

אײנטריט פריי — קומט אין צייט

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

456־59 — 38׳סטער יארגאנג — פעברואר־מאי 1977 — לאנדאן

א י נ ה א ל ט

19׳טער־אפריל. פסח־און ירושלים־לידער ... °°° 3
נירענבערג נאך דרייסיק יאר ... שמואל גאלדשמידט 18
צו דער יארצייט פון מיין מאמען (ליד) ... פסח צפנת 21
מען טאר נישט פארגעסן ... מ. מארגנשטערן 22
צום יארצייט פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מאיר באגדאנסקי 23
דער 19׳טער אפריל 1943 ... אסתר ערליכמאן 26
זכרונות בנוגע דעם יום־טוב פסח. ... שמעון וויינשטיין 27
שבועות ביי די „יאנג איזראעל" (רעפארטאזש) ... סעם גאלדבערג 30
ליד אין פארנאכט (ליד) ... שיע טענענבוים 33
הארא, הארא, נהריה (ליד) ... דוד בערמאן 34
א מענדעלע מוכר־ספרים־הויז. ... אייזיק גאלדבערג 34
א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס (יידישקייט, „ככל העמים
בית ישראל", „משוגע איש הרוח", סך־הכל) ... א. נ. שטענצל 37
נייער יידישער לייען־קרייז פאר יוגנט אין לאנדאן. א באטייליקטער 52
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנט גראוו, א1.

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## קולטור-ידיעות

די „איסט־ענד סינאגאג“ האט דעם חודש געפייערט 100 יאר פון איר עקזיסטענץ. אינם יובל האבן זיך באטייליקט דער טשיף־ראביי פון ענגלאנד, ד״ר עמנואל יאקאבאוויץ, דער עמעריטירטער טשיף־ראביי, סיר ישראל בראדי, דער רב פון דער שול, רעוו. בענדזשעמאן, חזן העס און חזן ביים.

ביי דער יום־העצמאות פייערונג פון דער „פעדערייישאן אוו סינאגאגס“ האט גערעדט דער רב־ראשי, דיין מ. פישער, און חזן ד. פרידמאן געזאגט די תפילות.

ביי דער פייערונג פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, אין דער וועסט־ענד, האט דער חזן העס געמאכט די הזכרה און דער „קול־רינה“־כאר האט געזונגען העברעאישע און יידישע „חורבן־לידער“.

ביי דער געטא־פייערונג אין אדלער האלל, אדלער סטריט, דעם 19טן אפריל, איינגעאָרדנט פֿון די „פריינט פון יידיש־לשון“ און „בונד“, און „רידינג־רום“, האבן גערעדט אסתר ערליכמאן און מאיר באנדאנסקי; געליינט געטא־שאפונגען און געזונגען געטא־לידער האבן נעט רובין, אייזיק גאלדבערג, דער אקטיאר סעם גאלדבערג, דער אקטיאר לעאן בלומענזאן האט געמאכט דעם „מלא רחמים“. פארזיצער א. נ שטענצל.

דער גוט־באקאנטער מאלער יוסף הערמאן האט גערעדט איבער יידישער קונסט ביי א זונטאג־פארזאמלונג אין „הלל־הויז“ איינגעאָרדנט פון פאריין פון יידישע שרייבער און זשורנאליסטן צוזאמען מיט דער יידיש־סעקציע ביים יידישן וועלט־קאנגרעס. פארזיץ: יוסף פרענקל.

פראפ שמעון אבראמסקי האט גערעד ט ביי א זונטאג־פארזאמלונג אין הלל־הויז איבער „יידן אין דער רוסישער רעוואלוציע“, איינגעאָרדנט פון פאריין פון יידישע שרייבער און זשורנאליסטן צוזאמען מיט דער יידיש־סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס. פארזיץ: יוסף פרענקל.

ד״ר ש. לעווענבערג האט גערעדט איבער די וואלן צו דער כנסת אין מדינת־ישראל ביי אט אזא זונטאג־פארזאמלונג אין הלל־הויז.

דער פאלקס־זינגער און אקטיאר, סעם גאלדבערג, איז אפגעפארן אויף א טור קיין אמעריקע און מדינת־ישראל.

זונטאג, דעם 8טן מאי, האט דער יידישער טעאטער־קאלעקטיוו דא געשפילט הארי אריעלס מוזיקאלישע־קאמעדיע, „די חזנטע“. מען פירט אויף פיעסן און קאמעדיעס יעדן שבת און זונטאג ביזן סוף פונם טעאטער־סעזאן ענדע יוני.

פרוי מ. דזשאקסאן, א זינגערין און פארלייענערין ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס, ליגט אין שפיטאל קראנק. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

„דאס יידישע קולטור־ווינקל“, אונטערן פארזיץ פון י. ח. קלינגער, האט פאראנשטאלטעט אן אוונט, געווידמעט דער 10טער יארצייט טנאך שלום אש. מיט רעדעס איבערן נפטר און זיינע ווערק זענען ארויסגעטראטן ד״ר ש. לעווענבערג, ד״ר יעקב מייטליס און יוסף לעפטוויטש, וועלכער האט גערעדט אויף ענגליש. עס האבן אויך גערעדט צעלינא סאקאלאוו און ש. גאלדשמיד. דער אקטיאר יוליאן גאלד האט געליינט פון שלום אשס ווערק און פון אנדערע. געזונגען לידער אויף יידיש און ענגליש האט העיזל געיבל. לעזלי באר האט אנגעפירט מיטן אוונט.

יוסף לעפטוויטש און פרוי פייערן איצט זייער גאלדענע חתונה—מיר ווינטשן זיי, אי״ה, די דיאמאנטאנע!

די זינגערין רות באכנער איז אויף א נסיעה אין ישראל אויף אייניקע וואכן.

י. א ליסקי, רעדאקטאר פון „יידישן פאלק“, פארט קיין ישראל צוזאמען מיט לאנדאנער רעדאקטארן און זשורנאליסטן אויף א ספעציעלן טור.

דער לאנדאנער מאלער שלמה בארנשטיין האט אן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין אויסטראליען. ער איז אהינגעפארן אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי, די אקטריסע אסתרל בראנשטיין.

דערשינען א זשורנאל „יידישקייט“, אונטער דער רעדאקציע פון י. ח קלינגער.

אין דער וואך פאר פסח האבן די „פריינט פון יידיש־לשון“ געווידמעט א ליטעראַרישן שבת־נאכמיטאג די יארצייטן פון די לאנדאנער פאעטן לעווי און פאלמע.

דער יידיש־לייענער קרייז פאר יונגע מענטשן טרעפט זיך יעדע וואך. דער קרייז שטייט אונטער דער אנפירונג פון ד דזשאנאגלי, ד. קאץ און ר חייט.

קלאסן פון יידיש פאר אנהייבער און מיטלדיקע סטודענטן — יעדן מאנטאג אין אוונט, 6.30 פונקט, אין הלל־הויז, 1 ענדזלי סטריט, לעבן יוסטאן־סטיישאן.


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

456־59 | 38/סטער יארגאנג | פעבערואר־מאי 1977 | לאנדאן


## 19טער אפריל

### א

ווען ס׳קומען אן די פרילינג־טעג,
קומט אן אינזער גרויסער טרויער —
אן אבלות אים צו טראגן
אייביק — מדור לדור.

דער טוי אויף די פרילינג־פעלדער,
אונזערע טרערן זיי זיינען;
אויף דיביימער ס׳פייגל־געטשוויטש,
מיט אונז זיי טוען מיט־וויינען!

די ערד מען רייסט אויף, מען צעגראבט —
נישט צום פארזיי, נישט צום פלאנצן!
אויף לעבעדיק־באגראבענע׳
אלע בלומען טויטן־קראנצן.

הערסט? מען שארפט די אקער־אייזנס?
ניין, כלי־זיין מען טוט שמידן!
פאר מיינע טרויעריקע אייגן
כ׳זע ווי גוים קוילען יידן.

ווי קלאר ס׳איז אויבן דער הימל —
גאט׳ס בליק געוואשן אין טרערן:
דעם מענטש, וואס איך האב באשאפן,
אזוינס פון אים געקענט ווערן?!

ביינאכט אויף הימל די שטערן,
זיי׳רע נשמות זיי זיינען;
זע, לבנה־מאמע׳ צוויי קוואלן —
איר אייגן פול געוויינען.

ב

צוויי טויזנט יאר גלות דערגאנגען
זעקס מיליאן קדושים צו דערלעבן?
צי קאן א פאלק אזוינס מוחל זיין,
מעג א מענטשנקינד דאס פארגעבן?

אויב אזוינס עס טוט?! איידער נאך
געבוירן ס'ווערט, עס וועט אויפהערן;
אויב דאס מיינט רחום וחנון?
בעסער א חיה געבוירן ווערן!

די מיתות משונות צוגעטראכט,
וואס ס'האבן די מיאוסע הענקער — —
איז דאס רופט זיך נאך, מישטיינסגעזאגט'
דאס פאלק פון די דיכטער און דענקער.

מען קאן נאך פארשטיין מענטשנפרעסער
הרגענען, דאס פלייש זיי פרעסן — —
זיך דערטראכטן פון מענטשן־פעטס
זייף צו מאכן — ווער אזוינס פארגעסן?

אזעלכע נפשות שפלער
ווי די נידריקסטע חיות זענען!
און אך־און־ווי צו אזא מין וועלט,
אזוינס און איר געשען האט קענען —

צוויי טויזנט יאר אין גלות געגאנגען
זעקס מיליאן קדושים צו דערלעבן — —
אן אומה שפילה מיר וועלן זיין,
אזוינס פארגעסן און פארגעבן.

ג

וויפיל ביימער אזויפיל תליות,
קאפען די טרערן פון די ווייעס;
א מיליאן קינדער אויסגעקוילעט'
און געשענדט די יידישע צניעות.

ביים לעבעדיקן לייב באגראבן!
נישט פארגינען צומאל די ראבן,



די מתים די אויגן צו פיקן —
ס'מאר־ד־געניס גאנץ אליין צו האבן.

כ'שפיר ווי די ערד טוט זיך באוועגן,
אונטער טראט א מת וואלט געלעגן,
און מיט אויגן זיינע אפענע,
אן אויפהער געטון טון מיך פרעגן:

איר וואס געבליבענע ביים לעבן,
צי קאנט איר אזוינס־א פארגעבן'
באשר בכן די סאדיסטן,
די „שילומים־געלדער" איצט געבן?

„הערן דער וועלט" ווידער זיי ווערן
זייערע לוסטן צוריקערן;
יא, סאדיסטן בלייבן סאדיסטן,
און ס'מארדן ווידער נישט אויפהערן —

וויפיל ביימער אזויפיל תליות,
קאפן די טרערן פון די ווייעס,
א מיליאן קינדער אויסגעקוילעט,
א סאדיסט — ס'איז מארדן זיין חיות.

ד

פארוואס וויינט די שוואלב צווישן די צווייגן,
ס'האט שפארבער איר עופהלע געפאנגען;
ווי הויך ס'נעסט זי נישט אויפגעהאנגען,
און דער מערדער געטון טון דערלאנגען.

אייביג ביי יעטווידן זונען־אונטערגאנג,
וויינען ס'וועלן וויינען אירע געזאנגען.

מיט וויפיל שווייס דאס נעסטל נישט געבויט,
שטויבל מיט שטויבל געקלעבט מיט טרערן,
און דער רוצח מיט נעגל־גראטשעס,
ס'נעסט געטון טון ער האט צעשטערן.

אייביק צו זינגען איר ליד איר טרויעריקס,
ס'פיצעלע צו באוויינען נישט אויפהערן.

גערדיכטסטן בוים, א פולן מיט צווייגן,
דאס אייעלע א בישיצטס צו לייגן,
און ווי געוואָרעמט עס, ווי געטוליעט,
מיט וויפיל ליבשאפט, מיט וויפיל שווייגן.

דאס פיצקסטע פעדערל זיך אויפגעפליקט,
אינטערן קעפעלע אונטערצולייגן.

איז דער מערדער געקומען געפלויגן,
ווען שפיין הערפאר ז'איז זוכן געגאנגען,
דאס איין־איינציקע אירס, איר עופהלע,
ל'עבעדיק אייפגעפרעסן געפאנגען.

אייביק א, אייביק ביי יעדן זון־אויפגיי
וויינען ס'וועלן ווינען אירע געזאנגען.

ה

די בעז־ביימער שטייען צעבליטע'
די עפל־ביימער גאנץ אין ווייסן,
ווער איבער אייך א ברכה מאכן,
די אויגן צום הימל פארגלייזן?

אין די טייזנט יידישע שטעטלעך,
קיין מנין יידן נישט געבליבן,
די זיך לעבעדיק געראטעוועט,
האבן די גוטע שכנים פארטריבן.

טייזנט יאר צווישן די וועלדער דא'
זאנג־אייפגאנג און א געזאנג־וויגן —
לידיקע נישט איועקגעגאנגען,
מיטגענומען ס'געוויג פון ניגון.

מיטגענומען דאס פייגל־געזאנג,
ס'געטשיוויטש צווישן די עפל־צווייגן;
נישט איינמאל זיך דערמאנען אין אונז,
ווי יועט איר דעמאלט סמוטנע שווייגן.

און אויף די קברים דארט פארבליבן,
אין פרילינג־טעג אין די פארטאגן,



פייגעלעך' צוריקגעקומענע,
פישטשעדיק קדיש־יתום זאגן —

מיר נעמען דעם ניגון מיט,
א לעבן לאנג ר'וועט אונז באגלייטן;
מיר וועלן אים סמוטנעדיק זינגען,
און ס'גוטע נאר זען פונדערווייטן.

ו

ווען מיטן טאטן געגאנגען ערב־פסח,
פון דער מקווה בערגל ארויף,
און ער האט דעם צעבליטן בוים געזען,
האבן זיך די אייגן זיינע געגעבן א ריס אויף.

בלוי ווי דער הימל זיינען זיי געווען'
און טרערן האבן גערינען פון זיי,
איך שטיי און קוק אויף אים,
און וואס נישט געקאנט פארשטיין כ'פארשטיי . . .

(יא, דאס וואס ס'גייט קומען,
ער האט דעמלט געזען,
און מוחל געווען אלץ'
וואס ס'גייט געשען)

כ'האב אים ביי דער האנט אנגענומען,
איך וואלט דער טאטע געווען, ער דאס קינד —
זיינע ליפן האבן א ברכה געשעפטשעט,
און גענומען אהיימאיילן געשווינד.

איך זע זיינע אויגן אצינד,
פול מיט רחמים און גענאד — —
א, טאטע פאטער איך קען דאס נישט'
איך טאר דאס נישט — וואסער שאד —

דאס פרילינג־געצוויטש און צוויט־ליד איצט,
כ'קאן עס נישט אצינד ענדיקן מער,
איך זע רחמימדיק אין טאטנס אויג,
די צעפונקלטע טויאיקע טרער.

(פאר די זעקס מיליאן קדושים)

א

פון צוואנציקסטן יארהונדערט
די גרעסטע דערפינדער'
די דייטשן שוין בלייבן:
אבאזשורן צו מאכן
פון הויטן פון קינדער;

מיליאנען מענטשן מארדן,
און מיט זיי'רע ביינער
די פעלדער באמיסטיקן — —
אזא גרויסע דערפינדונג
געמאכט האט נאך קיינער.

ערשט די דייטשע ריינלעכקייט!
ווי זיי זיינען זויבער,
פון „יידן־פעט" זייף מאכן — —
אזא אנטדעקונג נאך נישט
געמאכט גרעסטער רויבער.

ב

א ירמיה־געיאמער רייסט זיך ארויס,
גרעסער פון די יסורים — די שאנד איז גרויס:
איכה, וויאזוי אזוינס געקענט געשען
וואו איז די וועלט געווען אין עס צוגעזען?

און וואו איז געווען כביכול אליין,
איז זיין הארץ הארטער פון קיזל־שטיין?
א חרפה עס איז דאך שוין א מענטש צו זיין!
גאטס דרכים ווער קאן, ווער וויל שוין פארשטיין?

א מעשה זיך אנצוטון, כאטש זיך אליין,
אז אזוינס געקענט געשען' וואס שוין געווין — —
טאקע נאר אין א וויסטעניש צו גיין,
א, דאס גייענדיקע הארץ עס בלייבט שטיין.



ג

ווי צעשטראלט ס'איז דער בלייער הימל,
די ערד אין די ליכטיקסטע פארבן,
און איך מוז רק טראכטן פון שטארבן.

טיף פון צווישן די בלומען־בייטן'
קוקט אויף מיר „פארגעס מיך נישט" בלימל":
„פארגעס מיך נישט אין פייגל־טימל"!!

ס'איז מיין שוועסטער צימעלעס אויגן,
מיט אלע נ'גאז־קאמער געגאנגען —
דער ארום פול פייגל געזאנגען!

ד

באכס מוזיק' די גלאקע פון שילער,
יא, מיין פרייד דר. ריכארד מילער.

דו ביזט נישט משוגע געווארן,
פאר גרויס צער, מיטלייד און גרים־צארן.

ווען מחנותווייז פאר דיינע אויגן,
צום פארגאז מענטשן זיך געצויגן.

ה

צי קאן מען דען אזא צער'
מיט ווערטער אויסדערציילן;
און מיט שטיל שווייגן דאס הארץ,
פון זיין ווייי אויסהיילן?

א קינה, אן איכה־ליד,
צי קאן איך דען אויסזינגען?
און צי וועט עס ווער אמאל
דאך א מאל ווען געלינגען?

ביידע אונזערע שפראכן,
צו ווייניק דערצו זענען'
די נקמה פאר אזוינס,
אויסצודריקן צו קענען.

ו

אבער אז לעבעדיק דאך
איך בין איבערגעבליבן,
ווי א יתום־קטן כאטש
די ווערטער אנגעשריבן.

אז אלע מיינע טרערן
זיינען שוין אויסגערינען — —
כ׳פארשרייב עס צו געדענקען
„זכיר״ — — נישט טרייסט צו געפינען.

## דאס קדושים - לשון

פון די מיט פלאמען צינגען אויפגעגאנגען׳
געזאנגען זייערע נישט פארשטומט יוערן,
ווי די מעשיות פון זיי הייליקע אבות,
ווי די אייביקע רייד פון די נביאים,
פון גאטס מויל גליאיקע זיי געטון הערן —

ווי די טרייסטנדיקע תהילים פסוקים,
זייערע ווערטער קיינמאל נישט אויפהערן.

ווען אויף פינסטערן פארוואלקנט הימל׳
עס פארלעשן זיך די ליכטיקע שטערן,
שיינען זיי נישט ליכטיק ווידער צוריק אויף,
אלצדינג געגנוי פון זיי ארויסצולעזן —
דאס קומענדיקע וואס גאט וועט באשערן?

פון די זעקס מיליאן קדושים ווער וועט וואגן,
זייערע צוואה־ווערטער צוצעשטערן?

א, גאר א סך דייטשמערישע ווערטער מ׳קאן׳
פון אונזער מאמע־לשון ארויסהערן . . .
יא, מ׳זאל נישט פארגעסן וואס זיי אונז געטון,
ווען דער צייט־בעזעם פון פנים פון דער ערד,
זיי ווי עמלקן ער וועט אויסקערן.

ווי זיי כארכלען די ווערטער — געשאכטענע׳
און ווי זיי זיפצן ווי געוויינט אין טרערן.





די יארצייט־ליכטלעך נאך זיי,
די „ששה־נרות״ זיינען,
און די שכינה־הקדושה
אליין טוט זיי באוויינען.

און נאך זיי קדיש זאגט,
גאט דער נוקם ונוטר
זענענדיק ווי זיי טריפן,
די טרערן אזוי לויטער.

גראז און ביים פון טוי־געטראפ׳
ווייצעפונקלט זיי ווערן,
און די פייגל אין הימל,
צו וויינען נישט אויפהערן:

„יא, מיר בויען נעסטלעך זיך,
עופעלעך זיך אויסצופיקן;
דעם ווייטאק אין זיך אבער׳
מיר קענען נישט דערשטיקן.

„דער גאז פון גאז־קאמער,
דער רויך פונם קרעמא־קוימען,
זיי שוועבן נאך אלץ ארום,
איבן אין אלע רוימען.

„אפשר קדושים קאנען׳
אזעלכעס־א פארגעבן — —
גאט זיך מרחם זיין זאל,
אז ווייטער אנגיין ס׳לעבן.

„אבער מיר, די זינגערלעך,
אונטערן בלויען הימל — —
און א טרער טריפט טיף אריין,
אין פארגעס־מיך־נישט בלימל.

## צו די כל הגוים

אײסגעריסן מיטן װאָרצל,
לעצטער טראָפּן זאַפּט אױסרינט.
אױף שפּענער דעם שטאַם צעשפּאָלטן׳
לעצט זײמענדל שטױב און װינט.

װען פאַרלאָזטע ערד פאַרװיסטע,
צו פאַרפלאַנצן זיך אַצינד
עס איז געלונגען, טאָ פאַרװאָס
הער האָס צו אונדז אַזױ בלינד?

מען װאָלט כאָטשע געװאוּסט פאַרװאָס,
פאַרװען, פאַר װעלכע זינד?
מען האָט אײך געגעבן אַ גאָט׳
און איר װיגט אַ װינדל־קינד?

מ׳האָט אײך געשריבן געבאָטן —
קלאָרער קװאַל פון אַ שטײן רינט,
און אײך איז ליבער בלוט זױגן,
װי אַ שפּין פליגן פאַרשפּינט?

װײסט װי פון האָס אײך פון ליבשאַפט
אַ מענטש פרײדיק זיך אַנצינדט,
און װי באַרױשט ער װערט פון מאָרד — — — —
מערער װען װאונד ער פאַרבינדט.



## י - ר ו - ש - ל - י - ם
(צום יום העצמאות הי״יאַר)

עס פלעגן הײליקע,
דאָס העכסטע צו דערלאַנגען׳
אין דער װעלט זיך לאָזן —
גלות לײדן געגאַנגען.

צי אָפּצוקומען װאָס,
אַ חטא אפשר באַגאַנגען.

גאַנצע ערד אַ פאָלק שױן
װי ס׳מעסט מיט גאָט־געזאַנגען,
נישט אָפּגעקומען נאָך
מיט אַזאַ גלות לאַנגען?

װיפיל װיסטענישן,
גיפט צישענדיקע שלאַנגען.

אױב עס איז געװעזן
דאָס העכסטע צו דערלאַנגען?
נאָך י־רו־ש־ל־י־ם
מיר זײנען דאָך דערגאַנגען.

צי קאָן אַ פאָלק העכערס
צו דערגרײכן פאַרלאַנגען?

° ° °

צי קאָן דען זײן אַ גרעסערע נקמה,
ירושלים גאַנץ — בערלין צעשניטן?
מען מוז ליבן די עיר־הקודש
צו דערפילן װי דער שונא געליטן.

גערעכטיקײט עס זאָל זײן אױף דער װעלט,
דערצו האָסטו דאָך אונדז אױסגעקליבן —
אַז יעדעס מענטשלעכע האַרץ עס דערפילט,
גלות איבער גלגל־ערד אונדז געטריבן.

מיט־שולדיק אַלע פעלקער װעלן זײן,
ירושלים איצט װידער צעבראָכן — —
נישט גאָט — עס װעט דער מגיפה־מלאך
איבער גאָרער װעלט זײן גאָר דער בעל־נצחון.

צי איז נישט אױבן אױף הר־מוריה׳
דאָס שלום־װאָרט אױסגערופן געװאָרן?
דער „ואל תשלח ידך אל הנער״ —
אין גרױס ליבשאַפט זיך פאַרװאַנדלט דײן צאָרן.

„גאט פון נקמה!‟ ווי דערבארעמדיק,
און אין רחמים ער קאן פארוואנדלט ווערן,
ווען דאס הארץ פון מענטש איפגעלויכטן ווערט,
אין געטיבלט ס'איז אין לויטערע טרערן.

זעקס מיליאן יידן אויסגעקוילעטע,
זעקס מאל ס'איז אינם תנ"ך איפגעשריבן
ס'ווארט ירושלים מלא — מלא־
שמחה, גאט אונז צוריק צונויפגעקליבן.

## „שה פזורה ישראל‟

דערשמעקנדיק די געפאר,
פלאנטער די שרעק אונז צוזאם;
איינס אין אנדערן אריין,
פארקנוילט א לאם אין א לאם.

הערנדלעך צעציטערטע,
פארדרייט איינס אין צווייטנס וואל —
ס'שוואכינקסטע נאך אפילו,
מיטבאטייליקטע אינם עול.

צו דערקייקלען ערגעץ ווו;
איפגעוויקלט איין וואל־קנייל;
די שרעק אין די אייגעלעך
אן איפפינקלדיקע קייל.

ס'איז דער מולד הער חלף,
און די שקיעה — ס'בלוט גערין!
גרויסן־בערס ביזער געברום,
גאנצע נאכט ביזגל באגין.

אויב מיר דערשמעקן געפאר,
דער מינדסטער אונז נאך א שאד;
אינאיינעם צונויפגעקנוילט,
מיר דערפילן גאטס גענאד.



## „שפוך חמתך‟

מיר זיינען נאך אלץ נישט געקומען צו זיך,
נאך דעם בראך וואס אזוי ביטער געליטן,
א דריטל פון אונז געווארן פארשניטן.

אין נישט נאר דאס מארדן און דאס אויסראטן,
נאר דער אופן, ווי ס'איז געוועזן — —
מען וועט עס דאך נישט גלייבן ווען מען וועט עס לעזן.

ווען נישט די טרייסט געקומען, די נחמה'
אונזער לאנד ארץ־ישראל צוריקבאקומען,
פון גרויס טרויער מיר וואלטן געווען פארקומען.

די פרייד דעמלט, די פארשכורטע שמחה,
איפגעוועקט אונז נ'מיטן גסיסה־געראנגל —
די זון שיינט אויף און ס'גייט אויף גאלדן זאנגל.

עס וועט זיין ווי אין שיר־המעלות־געזאנג,
מיט טרערן געזייט' מיט פרייד סנאפעט געבונדן!
און אין דער זון היילן אונזערע וואונדן — — —

נו, שארפן גאר מיאוסע שונאים די קאסעס,
נאך איידער ס'צייטיקט אונטערצושניידן —
און ווי געליטן, נאך שווערער ליידן.

## חד גדיא

זעט די לבנה נישט אויס אין דער נאכט פון פסח,
א גרויס־געריעדלטע מצה?
וועט א ייד אין מאסקווע ארויסגיין
אין דער האזיקער נאכט
און מיט די אויגן זי עסן
און יוצא זיין.

איז דאך די הייליקע נאכט פון פסח
דער ערשטער און אייביקער זכר
פון עבדים־באפרייאונג,
אין זיי פארגינען עס אונז נישט —
זיי אפנים זיינען עס נישט?

ווי מרורדיק־ביטער ס׳ווערט אויפן הארץ,
אז אזוי זאלץ־וואסערדיק
זיך אויסגעלאזט,
פון דער גרויסער באפרייאונג
געווארן איין געוואלטיקע —
„חד גדיא״.

## תם און שיינדיינישל

1

אך און ווי צו אונז און צו זיי,
די צוויי,
דערלייזער פון דער וועלט׳
שטייען גאר אויפגעשטעלט,
אייגער קייגן צוויטן מיט רויטן קאם —
שיינדיינישל און תם!
דער מיטן צאפ נאשפיץ,
דער מיט וואנס צווישן ציין געקריץ!
און אלץ דאס,
איבער וואס?
איבער א טפח ערד,
וואס האט די ווערט,
ח״י ק״ק — —
„קאק״?

2

און דער בורזשוי אין פראק׳
ווי א קאטער אין זאק,
שטייט און לאכט,
אזש אין די הויזן זיך בא — —
ס׳פלאצט אים די זיידענע וועסט,
דעם אידעם ביי דער וועלט אויף קעסט;
ס׳שאקלט זיך אים דער בויך,
פון זיין האוואנא־ציגאר ס׳גייט א רויך,
און דער יאץ בן־יאץ׳
מיט פרומען אויגן־געגלאץ,
לאכט און קוועלט:
„אט דאס וויל אויסלייזן די וועלט?
דאנקט ג׳אט,
וואס אזעלכע ברואימלעך ער האט.״



3

יא א ג׳אט, נישט א ג׳אט?
„וואט!״
מ׳שרעקט יידן מיט פאגראם,
די וועלט מיט אטם.
מה רעש,
אפשר לעשן מיט דער וואדקא־פלאש?
איז יידיש בלוט
געוועזן גוט
צו שמירן ס׳רעוואלוציע־ראד?
איצט מ׳ברויך א בלוט־באד — — —
נאך זעכציק יאר צייט׳
נאך צו הערן אזעלכע רייד!
ס׳גייט א ציטער מיר איבער לייב,
ווען די ווערטער אצינד איך שרייב.

4

חצות,
ס׳פערטע כוס
שוין אנגעגרייט שטייט — —
אליהון דער קאפ זיך דרייט!
יאמערלעך אין „קן־צפור״ עס שרייט
און משיח וואקלדיק גייט.
ג׳אט אליין שלאגט זיך על־חטא — —
בלוטיק די זון אויפגייט,
רויטער האן לאכנדיק קרייט,
און אין תפיסה אן ארעסטאנט
שלאגט זיך קאפ אין וואנט:
אך, אך!
און דאך — —
א׳ „באך״.

## כוס של אליהו

נישט קיין עבד, נישט קיין באס!
ס׳איבערגייענדיקע אליהו כוס —
די פולע לבנה — ערשט די זון.
און אלע מענטשן טרינקן דערפון
ס׳ווארט, ס׳אות.

ניישט צעמישעניש, נישט כאאס,
אז אלע מענטשן זיך פארשטיין.
אטאם־פארמול — אלע זאלן זאט זיין!
אלע מענטשן אייך שטאם;
דער חכם און דער תם
איין גוי קדוש — איין עם־אחד!
א גאט — — —

שמואל גאלדשמידט

## נירנבערג נאך דרייסיק יאר

דער דאזיקער ארטיקל איז געווידמעט מיין חבר און פריינט אברהם נחום שטענצל. ער איז געווארן אכציק יאר און מיר בעטן אלע פאר אים אריכת־ימים. פאר אן אפשאצונג איז ער צו יונג! דאס איז נאר א סאלוט. ער איז איינער פון די אנטרונענע, און מיר האלטן אים טייער אין אונזער קרייז, אויב אפילו מיר פראקלאמירן עס ניט אלע טאג.

מיין אייניקל שאיל איז אנדערהאלבן יאר אלט. אויב איך וועל זוכה זיין צו לעבן אזוי לאנג, און ער וועט זיין געניג נייגעריק מיך צו פרעגן וואס איך האב געטאן אין דער וועלט־מלחמה, וועל איך אים זאגן: „איך האב באריכטעט דעם נירנבערגער פראצעס“.

איך בין געווען א קריג־קארעספאנדענט במשך פון פינף יאר. דאס זיינען געווען יארן פול מיט דעצידירנדיקע שלאכטן און היסטארישע געשעענישן אין דעם סאמע אמתדיקן זין, אנהויבנדיק פון לאנדאנער „בליץ“ און ענדיקנדיק מיט דער דייטשער קאפיטולאציע אויף דער לונעבורגער היידע.

און דער נירנבערגער פראצעס איז בעצם פארגעקומען נאך דער מלחמה, כאטש מיר זיינען נאך געווען אין אוניפארם און האבן נאך געלעבט אין רשות פון דער ערשטער אמעריקאנער דיוויזיע (די בעסטע מכניסי־אורחים וואס א מענטש קען זיך ווינטשן — זאל עס געזאגט ווערן צום שבח פון די אמעריקאנער).

אבער נירנבערג איז געווען דער שליאך צווישן דעם גהינום פון דער נאצי־קאטאסטראפע (פאר אונז די שואה) און דעם שלום. נאך דאנטע'ס גהינום איז געקומען די טהרה אידער עס איז געקומען דער גן־עדן: אינפערנא, פורגאטאריא און פאראדיזא איז זיין סטיל. נירנבערג איז געווען די פורגאטאריא, די טהרה.

די וועלט האט ניט געקענט אריבערגיין צום סדר היום גלאט אזוי, ווי עס וואלט געווען א פשוטע מלחמה, למשל די 1914־1918 מלחמה, אדער די דרייסיק יאריקע מלחמה. מיר האבן אלע געוווסט וועגן די ימען בלוט, וואס זיינען געפלאסן אין די פריערדיקע מלחמות, אבער דאס מאל איז געווען עפעס אנדערש. מיליאנען מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, יונג און אלט, אלע אומשולדיק, זיינען אומגעבראכט געווארן לויט א פלאן, אויסגעארבעט מיט אלע פרטים און דורכגעפירט דורך אייראפייער, אזוי צו זאגן, אין מיטן העלן טאג. און די קרבנות זיינען אומגעבראכט געווארן מיט א מורהדיקער אכזריות, וואס די פען וויל ניט שילדערן און וואס מאכט די בלוט קאלט אין די אדערן. א מיליאן יידישע קינדער אונטער צוועלף יאר זיינען אומגעבראכט געווארן, מאנכע פון זיי אויף די אויגן פון זייערע טאטעס און מאמעס. ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין בעלזען נאך דער באפרייאונג, האבן מיר געפונען א ריזיקן בית־עולם פון דרייצן טויזנט נאך־ניט־באערדיקטע קערפערס, וועלכע האבן אפילו ניט געהאט דעם לעצטן חסד של אמת בכדי די ערד זאל זיי צודעקן. דערצו זיינען פופציק טויזנט מענטשן פון א טוץ פעלקער געלעגן אין די פארפעסטערטע באראקעס און געווארט אויף זייער לאנגזאמען טויט — געפוילט לעבעדיקערהייט.

עס איז מיר ניט לייכט דאס אלץ ארויפצוברענגען אויפן פאפיר אין יידיש, אדער העברייאיש, אדער ענגליש. אפט דערקלערט מיין שרייב־מאשין א שטרייק . . . אבער אונזער דור קען זיך פונעם אמת ניט באהאלטן. מיר דארפן אלץ וויסן, אנדערע האבן אזויפיל געליטן מיר דארפן לכל הפחות ניט פארגעסן.

בעלזען איז ניט געווען דער איינציקער, אדער אפילו דער ערגסטער פאל. עס זיינען געווען אוישוויץ, טרעבלינקא, דאכאו, ביכענוואלד, דער ווארשעווער געטא, און נאך און נאך. דא און דארטן א העראאישער ווידערשטאנד אבער דער העראאיזם פון די געטא־קעמפער האט ניט געקענט פארמעקן די טייוולאנישע חטאים פון די נאציס און זייערע מיט־הענקער.

די וועלט האט געמוזט האבן נירנבערג אידער זי איז אריבער צום סדר־היום. פאר יידן איז נירנבערג געווען, אויב ניט קיין נחמה, לכל הפחות א סימן אז די גאנצע וועלט איז ניט געזונקען אין תהום פונעם שטן; אז עס איז נאך געבליבן א שפור פון גערעכטיקייט, כאטש זי איז געקומען צו שפעט צו ראטעווען די זעקס מיליאן יידישע קרבנות און די מיליאנען אנדערע קרבנות.

דער טריבונאל איז געשאפן געווארן לויט אן אפמאך פון די פיר גרויסע מדינות: ענגלאנד, פראנקרייך, די פאראייניקטע שטאטן און סאוועט־רוסלאנד. ביז דאן האבן אינטערנאציאנאלע געזעצן זיך באצויגן נאר אויף מדינות און ניט אויף יחידים. אין נירנבערג זיינען צום ערשטן מאל געזעסן יחידים אויף דער באשולדיקונג־באנק אין אן אינטערנאציאנאלן גערי‌כט.

די איראַניע פון דער שטאַט איז געווען קלאָר: אין נירנבערג זיינען געשאָסן געוואָרן די ראַסיסטישע געזעצן, וואָס האָבן געדינט אלס באַזע פאַר די מאַסנמאָרדן פון שפּעטערדיקע יאָרן.

איצט וויל איך פּרווון גיין צוריק דרייסיק יאָר און דערציילן וואָס עס איז פאָרלאָפן אין געריכטזאַל גופא. דער פולער באריכט פון דעם פּראָצעס פאַרנעמט פינף מיליאָן געדרוקטע זייטן! דער פּראָצעס האָט זיך געעפנט דעם 20־טן נאָוועמבער, 1945, און געשלאָסן דעם 31־טן אויגוסט, 1946. דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דאָס 30־טן סעפּטעמבער, 1946. די ריכטער זיינען געווען לאָרד לאָרענס פון ענגלאַנד; פּראָפעסאָר דע ווערבע פון פראַנקרייך; ריכטער דזשעקסאָן פון אַמעריקאַ און ריכטער ניקיטשענקאָ פון רוסלאַנד.

די באַשולדיקטע זיינען געווען ניט נאָר 26 נאַצישע פירער (פון וועלכע מאַרטין באָרמאַן האָט געפעלט און איז עד היום ניטאָ), נייערט אויך די נאַצישע רעגירונג און אַ ריי נאַצישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די סס, די געסטאַפּאָ, דער גענעראַל־שטאַב.

וואָס קען מען דערציילן פון דער גבֿיית־עדות? איך וויל ניט אויפֿוועקן דעם צער און צאַרן פון די לייענער — און איך אַליין בין אויך ניט בכוח צו שרייבן רואיק וועגן וואָס מיר האָבן געהערט אויפן פּראָצעס. ווי איך בין אַרויס בשלום פון הערן די דאָזיקע באַריכטן — ווייס איך עד היום ניט. מן הסתם ווערט דאָס האַרץ פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין בכדי זי זאָל ניט פּלאַצן . .

אָבער לאָמיר נעמען צוויי ציטאַטן. דער דיכטער אַברהם סוצקעווער האָט געזאָגט, צווישן אַנדערע: „דאָס בלוט איז געפלאָסן אין די רינעס פון ווילנע ווי וואַסער נאָך אַ רויטן רעגן“. . .

אפשר קען מען סומירן אַלצדינג אין די ווערטער פון מאַדאַם וואַלאַנט־קאַטוריע, אַ מיטגליד פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, וועלכע איז געבליבן לעבן נאָך דריי יאָר אין אוישוויץ:

„די נאַציס האָבן דעהומאַניזירט מיליאָנען פון מענטשנקינדער“. . .

צען באַשולדיקטע, צווישן זיי גערינג, שטרייכער, ריבנטראָפּ און פראַנק, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די איבעריקע — צו לאַנגע טערמינען אין תפיסה. דריי זיינען פרייגעשפּראָכן געוואָרן.

איך וויל דאָ צום סוף איבערחזרן וואָס איך האָב געזאָגט בשעת דעם פּראָצעס:

„עס איז נאָר אַ נס וואָס איך בין ניט געווען צווישן זייערע קרבנות“. . .



פסח צפנת

# צו דער יאָרצייט פון מיין מאַמען

פון מיין מאַמען איז קיין בילדער ניט פאַרבליבן
מיין ליבסטע צירונג פעלט.
האָט ניט געגלייבט אין אַ בילד,
לויטער קדושה איז געווען דיין וועלט.

בויג איך זיך כורעים פאַר מיין מאַמעס אמתדיקן בילד.
געוועבט פון מידות און מדריגות־מאַטעריאַלן.
פון דעם היכל־מענטש די וואַרעמסטע שטראַלן.
פון דיין האַרץ און נשמה ריינסטע קוואַלן.
ווען עס האָט געפעלט מאַמעס,
אַ שטיקל ברויט, אַ העמד, אַ וואַרעם אָרט,
האָט דאָס געפונען ביי מיין מאַמען,
אידל שטיל מיט אַ ליבן וואָרט.

וואו אַ הילפלאָזער׳ אַ קראַנקער, אַן אומגליקלעכער,
האָט מיין מאַמע אים געזען;
וואו די ליכט פון טאָג איז ניט געווען,
איז מיין מאַמע דאָרט געווען.

דאָס איז דיין בילד, דיין גלויבן, דיין לעבן,
מיין צירונג, שיינענדיק נאָנט׳
לייכטנדיק איף וועגן די פינסטערע,
מיר באַגלייט האָט און דערמאָנט.
און דאָס איז פרומה בת־שלמה פון איישישאָק מיין מאַמעס
לעבעדיקער בילד
אָבער וואָס זאָל איך זאָגן צו יאָרצייט פון מיין מאַמען?
אַז די בלוטיקע מערדער האָבן אַריינגעשליידערט —
מיין גאַנצע וועלט — מיט מיין מאַמען אין די פלאַמען.

און וואָס זאָל איך שרייבן אויף דער מצבה נאָך מיין מאַמען?
אַז דאָס קבר פון אַ מאַמען איז דאָס קבר פון אַ שטאַט;
אַז די יאָרצייט נאָך מיין הייליקער מאַמען
איז אַ יאָרצייט נאָך אַלע דיינע קינדער, אה, גאָט:

מ. מארגנשטערן

## מען טאר נישט פארגעסן

„גאט פארוואס האסטו געשלאפן"

(פון פאעט אין די געטא, זיין נאמען האב איך פארגעסן)

מיט 34 יאר צוריק ווען מיר זענען געזיצן ביי געדעקטע טישן מיט וויין, כרפס און מרור, האבן מיר זער ווינציג געוווסט וואס עס טוט זיך איבער אנדערן זייט ים.

מיר האבן געהערט פון שחיטות, פון קאנצענטראציע לאגערן, פון רדיפות, אבער מיר האבן זיך קיינמאל נישט געקענט פארשטעלן דאס די ווילדע חיות אין דייטשע מונדירן האבן אין די צייט, ווען מיר אין די פרייע לענדער האבן געזאגט זמן „חרותנו" האבן די דייטשער היטלעריזם פארקלאמירט די אויסראטונגס-מלחמה קעגן אונז יידן. און צום צווייטן-סדר-נאכט צו מאכן ווארשע יידן-ריין.

ווען די ערשטע היטלערישע טאנקן זענען אריין אין די געטא, האבן די פארטיידיקער זיי באווארפן מיט האנט-גראנאטן, און דייטשיש-בלוט האט זיך פריי געגאסן איף די גאסן פון די געטא.

(מיטן „פארשניטענעם פאלק", צעלמעניצקי)

דאס איז נישט געווען דער ערשטער קאמף צווישן די באוואפנטע דייטשן און כמעט מיט ליידיקע הענט די יידישע קאמף ארגאניזאציע.

אין אונזערע שכנים פון טויזנט יאר? אסך האבן געזאגט; יעצט דארפן מיר אנבאנגען א אויפשטאנד אויף אונזער זייט, ווייל די יידן הרגענען שוואבן.

מיר אלע ווייסן ווי אזוי אכזריותדיקע ס״ס׳ לייט מיט נאציסטישע אוויאנען און טאנקן האבן פארברענט די געטא.

מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן דעם בלוטיקן מארד פון אונזער פאלק, ווי 6 מיליאן פון אונזערע ברודער און שוועסטער זענען אומגעקומען מיט מסירת נפש.

אין דער צייט פון חורבן האט דער נביא ירמיהו אויסגעשריגן, געזאגט:

„מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה
ואבכה יומם ולילה על חללי בת עמי."

איך וואונדער זיך, וואס ירמיהו וואלט געזאגט אין 1943?

מיט די ווערטער פון אקדמות: ווען די הימלען וואלטן געווען פאפיר און די ים׳ען טינט, וואלט נישט געווען גענוג צו באשרייבן אונזער צער און פיין.

ווען מיר וואלטן געקענט צונויפנעמען די יללות פון די עלטערן ווען מענס קינדער מען האט אוועקגעריסן אן רחמנות, דער וויי געשריי פון די יסורים פון יאוש אין די קרעמאטאריעס, און ארויסלאזן עס איף די וועלט דורך מיקראפאנען, די גאנצע ערד וואלט געציטערט, און אונטערגעגאנגען. און



„ווען מיר קענען צוזאמען נעמען די טרערן און דאס בלוט פון די געפייניגטע און געמארדעטע יידן — וואלד די גאנצע וועלט געווארן פארפלייצט מיט בלוט" (איינהארן)

„בכל דור ודור" די קינדער וועלכע קענען נאך נעמען א שפאציר אינטערן טיש, מען דארף זיי דערציילן, דאס זיי זאלן דערציילן זייערע קינדער און קינד׳ס-קינדער.

אזוי לאנג ווי אונזער וועלט וועט עקזיסטירן — זאלן טאטעס און מאמעס, באבעס און זיידעס דערציילן זייערע קינדער און אייניקלאך פון די גרעסטע טראגעדיע אין אונזער יידישע געשיכטע.

מיר געדענקען וואס די פירער פון די דעמאקראטישע לענדער האבן אונז צוגעזאגט, מיר האבן נישט פארגעסן דעם לעטארגישן שלאף פון די גאנצע ציוויליזירטע וועלט, אבער אלץ איז פארגעסן געווארן.

ווען דער רעליגיעזער-ראש פון אונזערע קוזינען די אייניקלאך פון „עשיו" ווען ער איז געווען אין דייטשלאנד און געזען די קרעמאטאריעס, האט ער געזאגט: עס וועט נעמען צו לאנג צו פארברענען די יידן.

אין היינט, ביים היינטיקן טאג, אין „לאנד פון קאמוניזם" ווערן געדרוקט ביכער פול מיט שנאה מיט האס קעגן אונז, מיט בלבולים.

אין טויזנטער און טויזנטער רוצחים וואס האבן קאלטבלוטיק געמארדעט גייען ארום פראנק און פריי אין מזרח און אין מערב דייטשלאנד, און אין אנדערע לענדער.

מיר טארן נישט זאגן על חטא שחטאנו, די שחיטה פון היטלער׳ן איז נישט געווען קיין גזרה מן השמים, דאס איז געווען די ארבעט פון עמלק׳ס אייניקלאך.

כי מחה אמחה את זכר עמלק מתחת השמים.

היטלער איז טויט, אבער דער היטלעריזם לעבט, און אלע צייטן — מיט טויזנטער יארן צוריק הערן מיר די לאזונג לעקיר את-הכל.

דער 19טער אפריל איז אונזער יום-הזכרון.

מיר טארן עס קיינמאל נישט פארגעסן.

מאיר באגדאנסקי

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

פיר און דרייסיק יאר זיינען שוין אוועק זינט דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, אבער דער קאשמאר פון יענער שוידערלעכער צייט איז נאך אלץ מיט אונז. יעדעס יאר ווען עס דערנענטערט זיך דער טאג פון דעמדאזיקן אויפשטאנד דערהערן זיך די שטימען פון די, וועלכע האלטן אז אפשר איז שוין צייט צו פארגעסן וועגן די מעשים תעתועים וואס די נאציס האבן אפגעטון אין יענע יארן . . . דאס זיינען נישט

חלילה קיין שטימען פון אנטיסעמיטן, אדער פרא נאציס. דאס זיינען שטימען פון גוט מיינענדיקע מענטשן, וועלכע פארדאמען אלץ וואס די נאציס האבן דאמאלט אפגעטון; נישט מער, זיי האלטן אז מען קען נישט שטענדיק טראגן א בייז הארץ אפילו אויף פארברעכער. דעריבער איז בעסער צו פארגעסן, כדי צו שאפן א בעסערע צוקונפט. פארגעסן? . וויאזוי איז עס מעגליך צו פארגעסן אז דו האסט געהאט אמאל א טאטן, א מאמען, ברידער און שוועסטער, א פרוי, א מאן, קינדער, א צאלפאכע משפחה, פריינט חברים; און דא האט מען דאך, ווי מיט א האק, אפגעהאקט פון זיי אלע; זיי — פארטיליקט אויף אן אופן אז עס איז נישטא אינעם וואקאבולאר קיין געהעריק ווארט מיט וועלכן עס אנצורופן; דיין לעבן — צעשטערט אויף שטענדיק; דיר — אריינגעזעצט א ביטערן טרויער אין הארץ אריין פון וועלכן דו קענסט נישט פטור ווערן און זייערע געשטאלטן שטייען פאר דיינע אויגן שטענדיק, פון דעם מאמענט ווען דו וועקסט זיך איבער פון שלאף אין פרימארגן ביז דו ווערסט ווידער אנטשלאפן אין אוונט. עס איז ווי הייסן איינעם, ביי וועמען מען האט אימפארטירט א גליד, פארגעסן אז ער האט אמאל געהאט דאס גליד.

מיט א קורצער צייט צוריק האט א פסיכיאטאר, אין ראדיא, דערציילט אז דאס הייפעלע מענטשן וועלכע האבן איבערגעלעבט די קאנצענטראציע לאגערן הייבן שוין אן צו דערגרייכן די יארן פון אלטקייט. די פון זיי, וועלכע ווערן דזשעבעיאטריש — ווערן אינגאנצן אויסגעטון פון דער ארומיקער וועלט און זיי לעבן אויפסניי איבער די זעלבע פיינען, וועלכע זיינען פאר זיי פונקט אזוי רעאל ווי דעמלט ווען זיי האבן דאס איבערגעלעבט פאקטיש, ווען זיי זיינען געווען אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. זיי באטראכטן יעדן איינעם — אפילו דעם וואס קומט צו זיי יעדן טאג זיי ארויסצוהעלפן מיט אלעמען — ווי א פייניקער און ווייזן ארויס צו יעדן די זעלבע מורא ווי אמאל אין די קאנצענטראציע לאגערן. דער דערמאנטער דאקטאר פסיכיאטאר אין ראדיא האט דערציילט דאס אלץ אין א ווענדונג צו אלע אנגעשטעלטע אין דער סאציאלער דינסט (סאשל סערוויס) אז זיי זאלן האבן גרויס איינזען ווען זיי באגעגענען אזא באציאונג צו זיי מצד זייערע פאציענטן, ווייל עס איז אוממעגלעך מיט די דאזיקע געליטענע זיך צו פארשטענדיקן אין איא פאל. היינט גיי זאג די דאזיקע קרבנות פון נאציזם אז זיי זאלן פארגעסן וואס די נאצישע רשעים האבן אפגעטון . .

און ווען אפילו עס זאל מעגלעך זיין צו פארגעסן — וואלט עס טאקע געווען אין ארדנונג אזוי צו טון? וואס מיינט פארגעסן? פארגעסן מיינט אפלייקענען פאקטן; אויסמעקן פון דער געשיכטע; מעג מען אזוי טון? עס איז פארשטענדלעך אייב די היינטיקע אפשטאמיקע פון יענע וועלכע האבן אויסגעפירט די דאזיקע אוממענטשלעכקייטן פילן זיך מסתמא אומבאקוועם אויף יענע מיטצייטלער אין אנדערע לענדער, וועלכע האבן גארנישט גע־



טון כדי אפצוהאלטן די נאציס פון אויספירן אט די אוממענטשלעכקייטן. און אפשר נעמט זיי, ערשט איצט, אן א גרויל ווען זיי טראכטן וואס עס וואלט געשען ווען עס וואלט נישט געלונגען די אליאירטע ארמייען צו פארטיליקן די נאצישע מאכט. ווייל עס זיינען פאראן אויטענטישע נאצישע דאקומענטן פון יענער צייט אז די נאציס האבן זיך געגרייט צו טון דאס זעלבע וואס זיי האבן געטון צו די יידן אויך צו אלע סלאווישע פעלקער און אויך צו די מעריב־אייראפעאישע פעלקער. בלויז איין פאלק — דאס דייטשע „הערנפאלק“ האט געזאלט עקזיסטירן אויף דער וועלט. די יידן האבן בלויז געזאלט זיין די ערשטע קרבנות, אבער נישט די איינציקע.

אין אסך לענדער — אויך ביי אונז אין ענגלאנד — זיינען נאך אלץ פאראן פאשיסטישע גרופירונגען וועלכע זוכן ווידער אויפצולעבן די נאציסטישע באוועגונג. אמת, דערווייל האבן מיר נישט וואס מורא צו האבן פאר זיי ווייל זיי זיינען אומבאדייטנדיק אין זייער צאלנמעסיקייט. אבער, טאקע כדי זייערע צאלן זיך נישט מערן מוזן מיר כסדר דערמאנען וואס אירע פארגייער האבן אפגעטון, כדי אויפצוקלערן די נאך נאצישע דורות צו וואס פאר א שפלות גאנצע פעלקער קענען דערגיין ווען מען קוקט נישט אויף די הענט פון אזעלכע ברואים. און אויב עס פעלט אויס בלויז אויך אונז יידן צו דערמאנען דעם „זכור את עשר עשה לך עמלק“ — איז נאר א שאד, אבער עס בלייבט אונזער אויפגאבע און מיר קענען זיך דערפון נישט ארויסדרייען.

מיר, די דירעקטע אבלים פון די אומגעקומענע קדושים וטהורים — אין דעם יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא צינדן מיר אן 6 ליכט וועלכע סימבאליזירן פאר אונז זייערע אויסגעלאשענע נשמות און ביי אט דעם אייגנארטיקן „קבר אבות“ גיסן מיר אויס דעם צער פון אונזערע הערצער אויף דעם אומגליק וואס עס האט געטראפן יעדן איינעם פון אונז באזונדער און אויף דעם אומגליק וואס עס האט געטראפן אונז אלע צוזאמען ווי א פאלק. דא גיבן מיר אפ כבוד די אויפשטענדלער אין ווארשעווער געטא און אלע אנדערע געטאס. מיר גיבן אפ כבוד די אויפשטענדלער אין קאנצענטראציע לאגער אין טרעבלינקע און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן. מיר גיבן אפ כבוד אונזערע טאטעס און אונזערע שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע מענער און אונזערע קינדער, אלע אונזערע משפחה מענטשן, אל אונזערע פריינט, אל אונזערע שכנים, אלע די וואס גייען אריין אין דער ענדלאזער צאל פון זעקס מיליאן פרויען, מענער, אלט לייט און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער! — וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס מיט אלע מיתות משונות בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן. מיר גיבן אויך אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים — זייער שליח דא אין לאנדאן.

מיר גיבן אפ כבוד די ציגיינער וועלכע זיינען דורך די נאציס אומגעבראכט געווארן אויף דעם זעלבן אופן.

מיר טוען דאס אין דער האפנונג אז אונזער דערמאנונג וועט נישט גיין לאיבוד. אז די מענטשהייט — די גאנצע מענטשהייט — וועט נישט זוכן ווי אזוי צו פארגעסן — נאר פארקערט — וועט זיך אליין כסדר דערמאנען דערוועגן ווי א ווארנונג צו וואס אומגעצוימטע און אומבאגרינדעטע שנאה קען דערפירן און אזוינאך איינזען אז עס איז פארט מעגלעך, ביי דעם גוטהאריקן ווילן, איינצושטעלן פריינטלעכע באציאונגען צווישן געפעלקער, און אזוינאך דערמעגלעכן יעדן יחיד און יעדער עטנישער געמיינדע צוזאמענצולעבן אין איין הארמאנישער מענטשלעכער גאנצקייט.

אסתר ערליכמאן

## דער 19׳טער אפריל, 1943

די באדייטונג פון 19׳טן אפריל, איז די דערמאנונג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד׳ אין היטלערס קומען צו דער מאכט אין 1933, איז געווען דער פארשפיל, צו דער 2טער וועלט מלחמה, און צום גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע. דער קאמף אין ווארשעווער געטא איז פאר אונז געווען, און וועט בלייבן א רעטעניש, ווייל ווי איז דאס מעגליך געווען אין אזא צייט, ווען דאנטעס גהינום איז געווען א בלאסע פארשטעלונג׳ אין פארגלייך מיטן שרעקליכן פייער, וואס האט זיך צופלאקערט איבער אייראפע, זאלן עטליכע אויסגעהונגערטע, פארשמאכטע ווי סקעלעטן, שטעלן ווידערשטאנד דער דייטשער מארד מאשין.

מען קען נישט, און עס איז נישט מעגליך צו זיין שטענדיק אין אן אטמאספער פון טרויער, נאך די 6 מיליאן אומגעקומענע וואס זיינען געווען א דריטל פון אונזער פאלק׳ עס איז דאך אונטערגעגראבן געווען דער יסוד, פון א טויזנט יעריגן שטייגער, פון א קולטור, און ציוויליזאציע. דער הויפט ציל איז ביי אונז דאס צו דערמאנען, אן קיינמאל נישט פארגעסן. און דאס דערמאנען הייסט דאך אייגנטליך צו שטיין אויף דער וואך אז עס זאל מער אזעלכעס נישט קענען פארקומען. אגב איז דאך אונזער חורבן געווען אין אזא פארנעם אז עס איז שטענדיק דא וואס צוצוגעבן. מיר לייענען שטענדיק גרויליקע באשרייבונגען׳ פון די געראטעוועטע, באשרייבונגען פון אזעלכע יידן וואס זיינען קיין מאל קיין שרייבער נישט געווען. אבער עס האט זיך שוין לײדער געשאפן א גרויסע ליטעראטור, פון די וואס עס ריידן זיך אראפ פון הארצן די דורך נסים לעבן געבליבענע, און אזוי דערוויסט מען זיך מער און מער.

נאך דעם קעשינאווער פאגראם, האט דער גרויסער דיכטער, ביאליק׳ אין איינע פון זיינע טרויער לידער, געשריבן די ווערטער.

ווען גאט האט דיר געשיקט א פרילינג
א שחיטה מיט א צווילינג



דער גארטן האט געבליט די זון האט געלויכטן,
און דער מערדער האט געשאכטן:

ווארשעווער געטא אויפשטאנד איז פארגעקומען אויך ווען גערטענער האבן געבליט און די זון האט געשיינט. און עס זיינען געקומען די גבורים די קעמפער פון ווארשעווער געטא׳ נישט האבנדיק קיין אויסזיכט צו זיגן האבן זיי געגעבן זייערע לעבנס פארן כבוד פון מענטש.

דערמאנען מיר, און וועלן זיי שטענדיק דערמאנען, נישט פארגעסנדיק די אלע העלדישע אויפשטענדלער, אין אלע אנדערע געטאס. מיר דערמאנען און געבן אפ כבוד די קעמפער אין די וועלדער, מענער, און פרויען׳ וואס זיינען געגאנגען און זיך פארמאסטן מיטן מעכטיקן שונא. כבוד זייער אנדיינק.

שמעון ווײנשטײן

## זכרונות בנוגע דעם יום-טוב פסח:

אין קאירא, מצרים, וואו כ׳בין געבוירן און געלעבט ביז מיין הויכער עלטער, פלעגט די אשכנזישע קהילה, באזארגן יאר איין, יאר אויס די צוויי טויזנט אידישע רעדנדע משפחות, מיט מצות אויף פסח. — אינעם אשכנזישן „קווארטאל״, וואס איז באשטאנען, פון ענגע שמוציקע געסלעך און פינצטערע ליקלעך מיט פארבויעטע דעכער, האבן זיך געפונען אידישע יאטקעס, וואו מ׳האט אויך פארקויפט חלקים גענז, געוועלבן פון מילכיקס, באקרייען און קלייטן פון כל המינים שהוא . . . דארט איז אויך געשטאנען אינזער שוהל און די תלמוד־תורה — אונטער די שוהל, איז געווען די קאנצעלאריע פון דער געמיינדע, ווי אויך אן אויוון צו באקן מצות אויף פסח מיט אלע נויטיקע חפצים־מילטער און פיילעס צו קנעטן דאס טייג, טישן אויף אויסציען דאס טאג, מאשינען צו רעלצן, קראנען וואסער. מעהל צום באקען, האבן מיר געקויפט ביי דער ספרדישער געמיינדע, וועלכע פלעגט יעדן יאר שיקן אירע מענטשן אין די ארמיקע דערפער, אפצוקויפן דעם „פראדוקט״ פון גרויסע שטחים באדן מיט פארפלאנצטן ווייץ. דארט אוועקשטעלן אידישע שומרים. און ווי נאר די „תבואה״ איז צייטיק געווארן, האבן די שומרים געלאזט אראפנעמען דעם ווייץ פון די שטיינגלעך, געדראשן דעם ווייץ אויפן פלאץ און דערנאך אים אוועקגעשיקט אין א געכשר׳טן דארף־מיל, און דאס מעהל אריבערגעפירט אינעם אויוון פון די ספרדים, וואו מ׳האט געבאקן מצות כמעט א גאנץ יאר, פאר די 50 טויזנט ספרדים וואס האבן געלעבט אין קאירא, חוץ צענטליקער ספרדישע משפחות, וועלכע האבן זיך געפונען אין די שטעטלעך און דערפער ארום קאירא.

אינעם אשכנזישן אויוועז, האבן בלויז געארבייט אידישע פרויען און מענער. א בעקער האט מען אראפגעבראכט פון צפת — ארץ ישראל, א

ספעציאליסט, א „שיבער" — מע'ערע כלי־קודש האבן אכטונג געגעבן אייפן אייוועז: דער גבאי ר' צוקערמאן, ר' פינחס חזן, ר' לייב שוחט, און ר' שמעון מלמד — מיין פאטער ע"ה — איך האב געפירט די חשבונות אלס סעקרעטאר. מצות פלעגן ווערן פארקויפט אין שילינג א קילא, פאר ווייניק פארמעגלעכע, 2 שילינג פאר די מיטל־קלאס, און 3 שילינג די רייכערע בעלי־בתים, און דערמיט האבן זיי מיטגעשטייערט צום מעות־חיטים, אים קענען פארטיילן 500 קילא מצות, אומזיסט, פאר אונזערע ארעמע. אויך האט דער פעראיין לחם־לעניים, אויף פסח, פארטיילט וויין, ביימעל, ציבעלעס, קארטאפעל אייער און אנדערע חפצים.

אונזער רב, ר' מנחם מענדל ב"ר נתן הכהן, וועלכער איז אויך געווען שוחט ובודק, פלעגט ער זיין יעדן טאג אין שעכט־הויז מיט אנדערע שוחטים, כדי צו פארזארגן כשר פלייש פאר אידן. צוריק קומענדיק פון שעכט־הויז, ארום פארנאכט, פלעגט דער רבי, פון צייט צו צייט אריינקומען אין אווענט און מיט ברייגען א קעלבערנם לעבער . . . אים צעשניידן אויף חלקים, באזאלצן, אויסלעגן די שטיקער אויף באבולע פאפיר, און אריינשארן אין אייוועז, אויף א וואינק פון אונזער רבי, פלעגט ר' שלמהלע, שמש שני, א שפרונג טאן אויף איין פוס, און כהרף־עין געבראכט א 3 קילא קארטאפעל, 2 טוץ אייער, זיי אריינגעווארפן אינעם הייס־פייערדיקן אייוועז. אויך האט שלמהלע ניט פארפעלט ברייגען מיט זיך א פלאש בראנפן — „כרמל עראקי", ארויסגעבראכט מערערע שטיקער מצות, און . . . פרעגט ניט: ס'איז געווען חי געלעבט !. .

אין יאר 1951 — איניקע חדשים פאר פסח — האט די ספרדישע קהילה אונז פארגעלעגט צו פארזארגן יעדן יאר, אונזער ארעמע מיט 500 קילא מצות „אומזיסט" — בתנאי מיר זאלן אייפגעבן דאס באקן מצות . . . נאך באראטונג, איז דער פארשלאג אנגענומען געווארן: מיר האבן אונזער אייוועז פארמאכט, און באקומען די צאל מצות, אומזיסט, פאר אונזערע ארעמע. אינעם יאר 1952, האט די ספרדישע געמיינדע אונז געמאלדן אז די פרייז פונעם מעל האט געשטיגן, בעטן זיי אונז מיר זאלן מיטשטייערן א פיאסטער פאר יעדע קילא מצות. מיר האבן גלייך צוגעשיקט 500 פיאסטער און באקומען די 500 קילא מצות. אין 1953, א נייע העכערונג פון א פיאסטער, און אזוי איז אנגעגאנגען א העכערונג יעדן יאר. ווען אין 1957, איז געווארן פארלאנגט ביי אונז 6 פיאסטער פאר יעדער קילא מצות, דאס איז 3000 פיאסטער, א סך הכל פון 30 עגיפטישע פונט, האבן מיר תיכף פראטעסטירט קעגן דער האנדלונג פון דער ספרדישער געמיינדע. אויף מארגן, בין איך — לויט באשטימונג — געגאנגען צום טשיף־ראביי פון די ספרדים, און אים מיטגעטיילט אז זייט די מלחמה פון סועץ־קאנאל — אקטאבער 1956 — האבן אלע פארמעגלעכע אשכנזים אייסגעוואנדערט, און די צאל נויטבאדערפטיקע האט זער געשטיגן, ווייל אלע אידישע באאמטע פון די געשעפטן, בענק, קלייטן, זענען ארויסגעטריבן געווארן, און געבליבן אן ארבייט . . .



היינט, פאר פסח, האבן מיר צו קומען צו הילף זער פיל אשכנזים, און ס'איז אונז ניט מעגלעך צאלן 30 עגיפטישע פונט, וואס די ספרדישע קהילה פארלאנגט פאר די מצות, וואס — לויט אפמאך — האבן מיר צו באקומען אומזיסט !. . דער טשיף־ראביי האט תיכף אריינגערופן דעם פרעזידענט פון דער ספרדישער געמיינדע — וועלכער האט זיך געפונען אין ראבינאט, און צו אים א זאג געטאן: — אדוואקאט ראמאנא ! — דו קענסט דאך געוויס אדוואקאט וויינשטיין, דיין קאלעגע פון טריבונאל. — ער איז, לאנגע יארן, פרעזידענט פון דער אשכנזישער קהילה, וועלכע געפינט זיך היינט אין א שווערן מצב . . . און כ'בעט דיך, זאלסט, אויף פסח, צושיקן פאר זיינע ארעמע, די 500 קילא מצות אומזיסט — קענסט אויך זיי לאזן צושיקן 3 זעק קארטאפעל, 3 זעק ציבעלעס, א זאק צוקער, 50 פלעשער פסח'דיקן וויין, און 50 פלאש ביימעל !. . . — ווי איבעראשט זענען געווען אונזערע קאמיטע־מיטגלידער, ווען אין אווענט האבן זיי געטראפן אט די אלע נויטיקע חפצים פאר אונזערע ארעמע אויף פסח. און אזוי איז עס אנגעגאנגען שנה בשנה ביז מיין פארלאזן מצרים אין 1959, ווען אויך די גרעסטע צאל אשכנזים, זענען שוין געווען ארויסגעטריבן.

אין מאי 1948 — ביים אייפלעבן פון מדינת ישראל — האט די מצרישע רעגירונג פארבאטן וועלכע ניט איז אידישע אקטיוויטעט, און געלאזט שליסן אלע יידישע אינסטיטוציעס: די ציוניסטישע פעדעראציע, די בני־ברית, די מכבי, דעם אידישן לטעראריש פעראיין, א.א.וו. חוץ די שוהלן פון געבעט און גאטעסדינסט, אלס רעליגיעזע אנשטאלטן.

ניט קוקנדיק אויפן שווערן שטראף, פאר ברעכן דעם פארבאט — פלעגן מיר יעדן יום־טוב פארזאמלען די אשכנזישע משפחות, ביי אונז אין שוהל, אין אווענט, צו א „נשף" פון אידישע ליטעראטור, רעדעס, פארלעזונגען, רעציטאציעס און געזענג — אויף פסח, למשל, פלעג איך דערציילן די געשיכטע פון יציאת מצרים — דער וטער און באדייטענסטער יום־טוב ביי אידן, וועלכער רופט זיך אן מיט פארשידענע נעמען: חג הפסח, חג המצות, חג האביב און זמן חרותינו. חברים און חברות פונם אידישן ליטעראריש פעראיין האבן רעציטירט „חד גדיא", פאעמע פון י. ל. פרץ — „די געפערליכע מצה", הומארעסקע פון שלום־עליכם — „די ארבע כוסית", פון שמעון פרוג — „ליל ושמורים", פאעמע פון יהואש — „די נאכט פון פסח" פון דוד איינהארן — „דער פארשטערטער סדר", פון מאריץ ראזנפעלד — „א יתום'ס סדר" פון א. ספעקטאר — „ליבע און . . קניידלעך", פון א אורבאך — „מכות", פון לעבעדיקן — געזינגען פארשידענע העבראישע און אידישע לידער. נאך דער ליטעראַרישער פראגראמע, איז יעדן סערווירט געווארן א גלעזל פסח'דיקן כרמל וויין. אויך האבן פרויען צוגעגרייט, אין פאלוש, הייסע געשמאקע לאטקעס פסח'דיקע, געפרייגלט אין גענדזן־שמאלץ, טעם ג־ןעדן !. . .

געשלאסן האט זיך די מסיבה מיט דאס געזאנג: „עם ישראל חי וקים לעולם ועד" — און מיט „התקוה"!

## שבועות ביי די „יאנג איזראעל״

### — א רעפּארטאזש —

ערב שבועות, דעם 3טן יוני, 1976, א דאנערשטאג בין איך געבליבן אין מיין וואוינונג. באלד אין דער פרי בין איך געגאנגען צום קצב איינ־קויפן א הון און ביים פיש־הענדלער א פיר פונטיקן, לעבעדיקן קארפ; אלץ כשר.

איך האב מיך אויסגעטון און גענומען צו דער ארבעט צוצוגרייטן אויף יום־טוב. עס האט ביי מיר גענומען א פינף שעה אידער אלץ איז געווען פארטיק.

אזוי ווי יעדן דאנערשטאג איז אין „פארווערטס״ דא די טעאטער־זייט, האב איך מיך אוועקגעלייגט אויפן בעט איבערצולייענען אט די טעאטער־זייט. דערווייל אויך ארייגעכאפט א שלאף אויף א שעה.

איך האב מיך זער געאיילט צו זיין אין שול צו דער צייט. צען מינוט נאך אכטע שטעלט מען זיך דאווענען מנחה. האב איך דערווייל מיך גוט אויסגעבאדן און מיך שיין אנגעטון, און שנעל אוועק אין שול אריין.

„אין ניו־יארק טאר מען נישט טראגן״, האט מיר דער רב געזאגט. טו איך מיר אן דעם טלית ווי א שאל און בין פטור פון טראגן . . . איך האב שוין באקומען א נאמען ביי די ווייבער, אז איך גיי אמשענסטן אנגעטון פון אלע מענער און אמזויבערסטן, שיין פארקעמט, מיט א שיין קאפעלע, א שיינעם טלית, אז אלץ האט אויף מיר געגלאנצט. און די פרויען האבן זיך מחיה געווען אויף מיר צו קוקן . . אלע האבן מיר געמאכט קאמפּלימענטן.

נאכן דאווענען האב איך דערזוארט צוויי אקטריסעס ביי מיר אין דער וואוינונג: איינע — זער א יונגע און די צווייטע — א מיטליעריקע. בײדע שיין אויסגעפוצט נאר צו מאכן א ברכה איבער זיי.

מיין טיש איז שוין געווען געדעקט מיט א שיין, קאלירפול טישטוך. אין די לייכטערס האבן אראפגעשיינט פון טיש מיט א יום־טובדיקן שמייכל. ווין און וויסקי און ליקער זענען געשטאנען אויפן טיש און צוויי גרויסע, פריש־געבאקענע חלות, ווי די ליאלקעס, האבן אויך אראפגעשיינט פון טיש, צוגעדעקט מיט א טישטוכל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אן אויפשריפט: „שבת שלום״.

די טעלער, לעפל, גאפל, מעסער, אלץ האט ליכטיק און פריילעך געמאכט מיט א ברייט שיינענדיק געלעכטער. מיינע צוויי גרויסע צימערן, וואס האבן דערזוארט מיינע געסט — צוויי בינע־שוועסטערן.

מיר האבן זיך צוקושט און זיך גענומען פראווען דעם יום־טוב. דאס ערשטע האב איך געמאכט קידוש. זיי האבן מיט מיר מיטגעזונגען און אויסגעשריגן: „א גוט יום־טוב״!

באלד האבן מיר זיך געוואשן צו די חלות, איך האב געמאכט א ברכה



און געגעבן יעדער איינער א המוציא. מיינע חברטעס האבן איבערגענומען די ארבעט פון טיילן און דערלאנגען צום טיש. מיר האבן זיי דערלאנגט דעם קאפ פון קארפ, וואס האט זיכער געוואויגן מער ווי א פונט, זער זיס געקאכט. דאן האט די צווייטע חברטע דערלאנגט די יויך, שפעטער דאס פלייש און פרוכטן צו פארבייסן, מיט א גוטער שווארצער קאווע און פארווע קיכלעך.

נאכן מאלצייט האבן זיי מיר געמאכט קאמפּלימענטן, אז איך בין דער בעסטער קאך. זיי האבן נאך אזא גוט עסן נישט געגעסן אין קיין שום רעסטאראן.

דערווייל האבן מיר גוט פארברענגט, צוגעפאסט צום יום־טוב. מיר אבער האט זיך געמאנטשעט אין קאפ די שול. איך וועל אייך אפמשלען וואס א מענטש קען טון, ווען ער וויל און שטרעבט עפעס צו דערגרייכן. ווען איך בין אריינגעקומען אין שול אריין איז געווען ליכטיק אין אלע ווינקעלעך. הונדערטער לאמפן האבן געברענט אין אייפן בעלעמער האט ארויפגעשיינט א רעפלעקטאר. אויף ביידע זייטן צוויי גרויסע, פרישע, ווייסע בוקעטן בלומען האט פארשמעקט די שול. די רויט־קאלירטע טעפּיכער אויף דער פּאדלאגע — אויסגעלייגט ווי פאר א מלכה מיט איר קעניג. פון ביידע זייטן שול — די ישראל פאן און די אמעריקאנער פאן.

אידער איך האב מיך ארומגעקוקט איז די שול געווען פול מיט מענטשן, מענער — שיין אויסגעפוצט און שיין אויסגעפוצטע דאמען אויף די באלקאנען. עלטערע און אויך זער יונגע.

די שול זעט אויס ווי א טעאטער, זער גרויס און הויך. איבעראל שטייען אויסגעבעטע בענק און שטולן, זער באקוועם. איך גלויב, אז עס גייט אריין 15 הונדערט מענטשן אין דער שול.

אייגנטלעך האבן די שול אויפגעבויט די רעפארם־יידן. זיי האבן געהאלטן די שול פערציק יאר. שפעטער האבן זיי זי פארקויפט צו „דהי יאנג איזראעל״. „דהי יאנג איזראעל״ האבן שוין די שול פערצן יאר; דאס הייסט, אז די רעפארם־יידן האבן אויפגעבויט די שול אין יאר 1922 און זי פארקויפט צו „דהי יאנג איזראעל״ אין יאר 1962. היינט עס, אין יאר 1976, האבן „דהי יאנג איזראעל״ די שול פערצן יאר.

וויאזוי קומען „דהי יאנג איזראעל״ צו אזא גרויסער, שיינער שול? דאס איז צו באוואונדערן. עס איז אין דער וועסט־סייד געווען א יונג פארל, חתן־כלה, דעם חתנס נאמען איז שלמה אייזנבערג. שלמה אייזנבערג איז אויך געווען דער ערשטער פרעזידענט פון „דהי יאנג איזראעל״ פאר א לאנגער צייט.

זיי האבן אנגעהויבן ארומגיין אין די הייזער און שטובן און זאמלען קינדער צום לערנען; אזוי ער און אזוי זיין איצטיק ווייב, וואס איז געווען זיין כלה. ווען זיי האבן, מיט גרויס מי און הארצווייטאק, ארומלויפנדיק טאג־איין, טאג־אויס, צוזאמענגעזאמלט א צען קינדער צום לערנען, האבן זיי

זיך איינגעדונגען אין א קליין שולעכל און גענומען זאמלען מעמבערס און אויך געלט, אוועקלייגנדיק עס אין א באנק. און ווען עס איז געקומען דער מאמענט, אז די רעפארם־יידן ווילן פארקויפן די שול, ווייל זיי האבן זיך שוין געהאט געקויפט א שענערע און א גרעסערע אין א בעסערע געגנט, האבן „דהי יאנג איזראעל" זיך געוואנדן צו זיי מיט אביסל געלט און ארויס־גענומען א מארגעידזש. גאנצע פערצן יאר האט עס זיי גענומען אויסצוצאלן דעם חוב. איצט איז שוין אלץ באצאלט און זענען מער נישט שולדיק. היינט־צו־טאג האט די שול 200 פאמיליעס־מעמבערס, וואס באשטייען ס'רוב פון דאקטוירים, אדוואקאטן, סוחרים — פון די פיינסטע מענטשן, און די קינדער לערנען זיך און קענען טאקע. איך בין מיך מחיה, ווען איך בין אין ניו־יארק ביים דאווענען און הער די קינדערלעך זינגען און לייענען די תורה.

דערצו האבן זיי א רב, מיטן נאמען ר' מנחם בן־אהרן געטינגער; א טייערער און א הארציקער ייד, א גוטע נשמה. ער איז איצט געווארן פראָ־פעסאר אויף דער ישיבה־אוניווערזיטעט. איך האב אים גראטולירט. האט ער מיר געענטפערט: „פריינט גאלדבערג, דער נאמען, דאס מיינט גארנישט. די הויפטזאך איז וואס מען טוט". איך האב מיט הרב געטינגער נישט געהאט קיין אפיציעלן אינטערוויאו. נאר אזוי האבן מיר זיך געטראפן ביי א באס־סטאפ. די באסעס זענען געקומען און געגאנגען און מיר האבן זיך פארקאכט אין א זער וויכטיקן שמועס.

ווייל שבת נאכן לייענען טוט דער רב פארטייטשן די פרשה, נישט, חלילה, אויף יידיש, נאר אויף ענגליש, האב איך צו אים א טענה. „וואס הייסט, איר זענט דאך א יידיש־רעדנדיקער מענטש און די אלע יידן, וואס זיצן אין שול קענען אסך בעסער יידיש ווי ענגליש טא צו וואס דארפט איר די תורה פארטייטשן אויף ענגליש?" האט ער מיר געענטפערט, „מיין טייערער פריינט, איר זענט גערעכט. ווען איך האב דאס ערשטע מאָל טאקע גערעדט אויף יידיש, האט מען מיר באלד פארגעווארפן, אז זייערע יידן פארשטייען נישט קיין יידיש; זאָ איך זאל בעסער פארטייטשן אויף ענגליש. נו, אבער וואס קען איך טון, אז דער קאמיטעט לאזט נישט? זיי זאגן, אז זייערע יידן קענען בעסער ענגליש ווי יידיש; אז זיי פארשטייען נישט קיין יידיש. זע איך, אז זיי זענען שטארקער פון מיר. איך מוז טון וואס מען הייסט; דאס איז מיין חשבון צו פאלגן אדער מלחמה צו האלטן. און שוין". .

מיט דעם האבן מיר פארענדיקט דעם שמועס און זיך געזעגנט ווי הארצ־ציקע, גוטע פריינט; ער — צו זיין ארבעט און איך צו מיין ארבעט. און שבת האבן מיר זיך געפריידט נאכן דאווענען ביים קידוש מאכן מיט א גוט פארבייסן . . .

זיי פארמאגן אויך א נישט־באצאלטן חזן — פריינט עקיבא. בעסער, א טייערער, הארציקער ייד. ער קען אלץ: דאווענען, לייענען און אלע גרויסע פונקציעס אין שול פירט ער אויס אן א פעני געלט. ער האט א פרוי און



טייערע, געלערנטע קינדער. אלע זענען זער פרום. דאס איז מיין הארציקער פריינט מר עקיבא בעסער.

צווישן די מעמבערס געפינען זיך אזעלכע טייערע ליבע יידן ווי מר. פוטער לינזער, מר. מאקס לאסט און אנדערע. זיי געבן אפילו נישט אנ־צורופן זייער נאמען. אלץ גייט בשתיקה . .

און אזוי האב איך געהאט דאס גרויסע פארגעניגן איבערצוגעבן א גרוס פון אונזערע הארציקע יידן און אמעריקאנער „יאנג איזראעל", וואו איך דאַרף, זייענדיק הארט. דאס איז וואס איך, א יידישער קינסטלער און פאלקס־זינגער, האב אליין געזעען מיט מיינע אייגענע אויגן אויף בראדוועי, 91 גאס, ניו־יארק, ביי „דהי יאנג איזראעל".

ש"ע טענענבוים

## ליד אין פארנאכט

— אין געמיט פון לי־טיא־פא —

א שטערן פאלט אין עמער,
פיל מיט גאלדענעם וויין.
וואו איך זאל נישט זיין,
היל מיך איין, דו דעמער! . . .

אין גארטן וועלקט א רויז;
זי וויל איך זאל זי קישן.
אויף שווארצע פערד — דערווישן
צום וואלד רייטן ארויס . . .

ס'איז אוונט. איך שפאציר
אליין מיט שטילע טריט,
לבנה־רויז שוין בליט
אין טענער פון קלאוויר.

איך הער די מעלאדיע —
די זיסעסטע פון אלע.
אייפן געלן הארבסט־וועג
געגענט די נאכט — מיין כלה . . .

ניו־יארק, 16טן נאוועמבער, 1976

דויד בערמאן

## הארא׳ הארא, נהריה!

ביים ים־התיכון דעם בלויען טאנצן מיר אלע הארא:
קומט, חברים, טאנצט מיט אונז הארא, הארא, נהריה!
זינגט מיט טייך און זעט ווי ער פליסט אין ים אריין;
זינגט און טאנצט, זינגט פון אונזער גליל אזוי שיין —
הארא׳ הארא, נהריה — הארא, הארא, נהריה!

קומט, מיידלעך שיינע, אריין אין אונזער הרארא־רינג
רונד און רונד, פרייל֗עך טאנצט, טאנצט און זינגט;
קומט טאנצן — אין געפלאכטענער ברידער־קראנץ:
אויף די גאלדענע זאמדן פון נהריה זינגט און טאנצט
הארא׳ הארא, נהריה — הארא, הארא, נהריה!

זינגען אלע פון גליל ישראלס דעם שיינעם און טייערן,
און טאנצט ביז מיר זעען דעם בלויען הימל ארום אונז דרייען
אויף די גאלדענע זאמדן׳ מיר טאנצן און ווערן נישט מיד
ביז יעדער אין נהריה הערט אונזער פריילעכעס ליד:
הארא׳ הארא, נהריה — הארא, הארא, נהריה!

גיכער טאנצט, חברים, הארא, הארא, נהריה!
גיכער און גיכער, ארום און ארום טאנצן מיר הארא;
זינגענדיק און טאנצנדיק׳ טאנצן מיר א הארא
ווי לאנג די גאלדענע זון שיינט אויפן שיינעם נהריה:

— דויד בערמאן איז געווען דריי יאר א חבר אין קיבוץ בית־העמק
ביים ים־שטעטל נהריה —

אייזיק גאלדבערג

## א מענדעלע - מוכר - ספרים הויז

דאס יאר, 1977, פאלט אויס די זעכציקסטע יארצייט נאך דעם גרויסן קלאסיקער, מענדעלע מוכר ספרים, דעם שאפער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור אין יידיש לשון און אויך פון דער מאדערנער העברעאישער ליטעראטור.

וועגן מענדעלען איז שוין זייער אסך גערעדט און געשריבן געווארן. זיינע ווערק זענען די ציגל־שטיינער, דער פונדאמענט, אויף וועלכן עס



איז געווארן אויפגעבויט א מאדערנע, וועלטלעכע יידישע ליטעראטור אין א ברייטן פארנעם. נאך מענדעלען האבן נאכגעפאלגט די קלאסיקער, י. ל. פרץ, שלום־עליכם, שלום אש, נאמבערג, ווייסנבערג, בערגלסאן און אנדערע.

צו מענדעלעס פינף און זיבעציקסטן געבוירן־יאר האט שלום־עליכם, אין זיין ווידמונג „ווי שיין איז דער היים״, אים געקרוינט מיטן נאמען „זיידע״. נאך אים איז טאקע נאכגעקומען א פלעיאדע פון שרייבער — „אייניקלעך און אור־אייניקלעך״. און נישט בלויז שרייבער, אויך האט זיך אדאנק אים געשאפן א דור פון בעסערע ליטעראטור־לייענער, וועלכע האבן געלערנט און געשעפט פון מענדעלעס גייסטיקע קוואלן. אין דער דאמאלסטיקער צייט האבן די לייענער זיך געגערט מיט דער שמ״ר־ליטעראטור, אפילו אויך מיט דער בעסערער, גייסטיקער שפייז פון אייזיק דיק און אנדערע. מיט מענדעלען איז געווארן אן איבערקערעניש. מ׳קאן זאגן א מין גייסטיקע רעוואלוציע. עס האט אנגעהויבן ביי דעם בעסערן לייענער עפעס קלארער ווערן סאי אויפן געביט פונם יידישן לעבן סאי וועגן דעם פעלקער־לעבן בתוכם, מיט וועלכע מיר האבן צוזאמען געלעבט. אט־א די השפעה פון מענדעלעס גייסטיקייט איז געבליבן ביים בעסערן לייענער עד־היום!

דאמאלס, אין דער השכלה־צייט, איז מענדעלע געווען דער אויפקלערער, דער רעפארמאטאר. גלייכצייטיק איז זיין נשמה געווען געקנופט און געבונדן מיטן יידישן שטייגער־לעבן פון די ארימע פאלקסמאסן ביז צו די הויכע רעדלפירער, די בעל־טאקסעס און אזוי ווייטער. זיינע שילדערונגען זענען ארויסגעקומען אזוי קלאר, פילזייטיק און פארבנרייך. ער האט נישט געשאנעוועט נאר געשטראפט די „קאראבקע־פירער״ פאר זייערע עוולות בנוגע די פאלקסמאסן . . . .

דער סטיל זיינער איז א בייסיק־סאטירישער מיט דעם שטיך־ווערטל „נישט דאס בין איך אויסן״. . . אין די ווערק זיינע, „די טאקסע״, „דאס קליינע מענטשעלע״, „פישקע דער קרומער״, „דאס ווינטש־פינגערל״ און אנדערע, זענען אזעלכע קלארע בילדער פונם יידישן לעבן בכלל, פון דער עפאכע פון מענדעלעס צייטן; פאנאראמעס, אייביקע מאנומענטן פון זיין צייט. איינס פון זיינע באדייטנסטע ווערק איז, לויט מיין מיינונג, „די קליאטשע״, וועלכעס נעמט ארום אלע פאזן פון יידישן פאלק דאמאלס. אין א סימבאלישער פארם גיט ער איבער שילדערונגען, איינדרוקן, וואס ער האט אויפגענומען אין אלע יידישע ווינקעלעך, וואנדערנדיק אזוי מיט דער קליאטשע און מיט זיין ביידל ספרים״. . . דאס איז א שטיק פאלקס־געשיכטע, א מייסטער־ווערק לכל־הדורות.

באזונדערס זענען זיינע נאטור־שילדערונגען אזוי אטעם־פארכאפנדיק. ער לעבט צוזאמען מיט יעדער פלאנץ, יעדן בוים, מיט אלע בריאים. און אלץ ווערט ביי אים אנגעטון אין א יידישן לבוש. ס׳באקומט א יידיש

פנים מיט א יידישער אטמאספערע. עס איז נישט זיא דאס ארט ארומצינעמען די גרויסקייט און די אלזייטיקייט פון מענדעלען, אבער מ׳קאן מיט רעכט צוגעבן, אז אין די יעצטיקע צייטן, ליידער, נאכן היטלעריזם, צאריזם, קאמוניזם האט זיך דער מצב און שנאה צום יידישן פאלק און זיין לאנד, מדינת־ישראל, נישט פיל געענדערט; נאר אביסל אנדערש געשלייערט . . .

דערפאר דארף די זעכציקסטע יארצייט נאך מענדעלען האבן א באזונדערע באדייטונג. דעריבער טאקע זענען א ריי „ליטעראריישע שבת־נאכמיטאגס“, אנגעפירט פון א. נ. שטענצל, געווארן געווידמעט מענדעלעס שאפונגען מענדעלעס השפעה און מענדעלעס גייסטיקן פארנעם אין דער יידישער ליטעראטור. גערעדט וועגן דעם האבן א. נ. שטענצל, י. א ליסקי, מ. דאמב און אנדערע. אויך האבן די רעציטאטארן, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און אנדערע, רעציטירט פון מענדעלעס שאפונגען.

באזונדערס איז וויכטיק צו דערמאנען די דאטע פון 12טן פעברואר, 1977, ווען א פארשלאג איז געמאכט געווארן פונם שרייבער, י. א. ליסקי, אז דער נאמען פון מענדעלע מוכר ספרים דארף פאראייביקט ווערן מיט א הויז אין מדינת־ישראל. ביי אט דעם „ליטעראריישן שבת־נאכמיטאג“ האט מען באשטימט, צוזאמען מיט „די פריינט פון יידיש־לשון“ זיך מתחייב צו זיין מיט £100 — הונדערט ענגלישע פונט — פארן ערשטן אויפבויציגל צום גרונט־שטיין. אלע אנוועזנדע האבן איינשטימיק אנגענומען דעם פארשלאג.

נאך דעם האט אייזיק גאלדבערג רעציטירט פון מענדעלעס „שם און יפת אין וואגאן“, ווי ר׳ משה דער שניידער וואנדערט ארום נע־ונד פון צארישן רוסלאנד צום ביסמארקישן דייטשלאנד און ווערט ווידעראמאל פארטריבן אין ווינט און וועטער, אין שניי און קעלט; מיטן קראנקן ווייב און קינד וואנדערט ער אין אן אנדער לאנד אריין און קאן קיין מנוחה נישט געפינען. אין א סארקאסטישן זין ווייזט ער אן, אז עס העלפט אפילו נישט דער יחוס פון די בני־מלכים און די אבות. ער ווערט אומעטום פארפאלגט אלט ייד . . .

טראץ דעם האט ער נאך בטחון, אז עס וועט אמאל נעמען א סוף צו די יידישע צרות . . .

דאס קאפיטל האט גראד זיך צוגעפאסט צום פארשלאג פון א מענדעלע־הויז, ווייל מיט מענדעלען, דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראטור אין יידיש־לשון האט זיך אנגעהויבן אין דער יידישער וועלט די ציוניסטישע מאסן־באוועגונג, דורך וועלכער מען האט דערגרייכט מדינת־ישראל. דעריבער איז נישט בלויז וויכטיק נאר עס איז אויך א כבוד צו האבן א הויז אלס א דענקמאל אויפן נאמען פון מענדעלע מוכר ספרים אין מדינת־ישראל.





# א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס

מיינע שטיקלעך פראזע, אין די לעצטע נומערן 3־4 „לשון און לעבן“, געהערן נישט מער צו דער אויטאביאגראפיע — ס׳איז מער ביבליאגראפיע מכוח מיינע ביכער׳ געדרוקט דא אין ווייטשעפל. זאל דאס כאטש זיין דער זכר מיינער איבער פערציק יאר דא וואוינען אין ווייטשעפל.

„ווייטשעפל שטעטל דבריטן“, איז מיין לעצט בוך, דא געדרוקט אין פארלאג „לשון און לעבן“, 1961.

אייגנטלעך, ווי קומט „לשון און לעבן“ צו אן אייגענעם פארלאג? מה ענין שמיטה אצל הר־סיני? איז הערט א מעשה:

מיט דרייסיק יאר צוריק האט א חשובער קאלעגע געמאכט א „לייבל“־פראצעס דעם פארלאג נאראדיצקי, אז מ׳האט אים די קרוין גערירט׳ און דער פארלאג נאראדיצקי האט, נעבעד, געוויינט און באצאלט אזוי ווייט, אז א נאך־חשובערער קאלעגע איז צו מיר צוגעקומען: „האב אויף מיר רחמנות, שטענצל׳ און מאך מיר אויך א שטיקל „לייבל“־פראצעס“. האבן נעבעך, די געברידער נאראד מורא באקומען פאר דער פארלעגערשאפט און מיר אנגעהאנגען ס׳גאנצע עסק. איך אבער האב לגמרי גארנישט וואס מורא צו האבן: ווארום ר׳לייבעלע זוכט זיך נאר א טענה ווען ער דערשמעקט א תאנה — אזיסע פייג — נו, ווייז איך אים א פייג!*

° ° °

מיט פופצן יאר צוריק, ווען כ׳בין אלט געווארן פינף און זעכציק יאר און געווארן פענסיאנירט, האב איך אנגעהויבן צו שרייבן מיין אויטאביאגראפיע און אנגעשריבן ארום צוויי טויזנט דרוק־בוך זייטן און אפגעדרוקט אין „לשון און לעבן“—נישט א בוך אין פערלאג לשון און לעבן—יעדן חודש אין פארטזעצונגען, אין זשורנאל.

יא׳ לידער שרייבט זיך, גוטע שלעכטע — עס גראמט זיך! מ׳ברויכט צומאל נישט קיין שטוב, קיין טיש אפילו און קיין שטול — אמבעסטן דזשימיענדיק בייטאג אויף א גארטן־באנק אדער כאפנדיק א געשמאקן שלאף נאך האלבער נאכט אין א טויער. צו פראזע מוז מען שוין האבן א טיש און א באקוועמען, אויסגעבעטן זעסל — כאטש א ווינער־שטול אדער א פשוט קיך־בענקל.

ווער שמועסט נאך א שרייבטיש מיט שענקעלעך, א פלאטע א גריןאיבערצויגענע, מיט אן אמתן דריי־זעסל. — נו, דעמלט איז מען דאך שוין א גאנצער שרייבער . . .

* דאס איז מסתם דער יידישלעכער האנט־באוועג צו מאכן פון דריי פינגער „א פייג“ און גראדזשען אים: „דו האסט צו מיר א טענה? דא האסטו א פייג — א תאנה!“

* * *

ווי אפגעמאכט! מיך האלטן ביי מיין ביבליאגראפיע: אין יאר 1938 האב האב איך ארויסגעגעבן דאס ביכל „האקן־קרייץ" — דאס שער־בלאט אליין געצייכנט, פון צוויי גיפטיקע קרייץ־שלאנגען אויסגעפלאכטן א האקן־קרייץ. די צוויי נומערן „יידיש־לאנדאן" א זשורנאל, צוזאמען מיט סידא און ליסקי, וואו אלע לאנדאנער יידישע פאעטן און שרייבער האבן זיך אין אים באטייליקט; און וועכנטלעך מיטגעארבעט אין דער טאג־צייטונג „די צייט", וואו יעדע וואך געהאט א ליד אדער אן עסיי. אויך ביי שלמה גאלדענבערגן געדרוקט אמאל א גרעסערן עסיי.

אין פרילינג, 1939, ארויסגעגעבן דאס בוך פאעמען דאס „קיילעכ־דיקע יאר".

זאלן זיי כאטש יזכורדיק דערמאנט ווערן! ווארום וואס וועט ווערן פון זיי? דאס זעלבע וואס פון מיינע אויסגאבעס, ביכער און זשורנאלן, אין בערלין און אין לייפציג — א „הויפן מיסט".

אחוץ די כתב־ידן און מאנוסקריפטן, צוגעגנבעטע פארלוירענע, פאר־פאלן געווארענע ערגעץ דארט — עס וואלט נייטיק געווען באמת אנ־צושרייבן איבער זיי די אנדערע צוויי טויזנט זייטלעך.

שרייבן איבער מיין לעבן אין לאנדאן, וואו עס איז פאראן א „לייבל"־געזעץ און, בפרט, אז שוין אריבער די אכציק און אין קאפ מישט זיך שוין, און דער זכרון איז אויך שוין דאסיק; און אז א קאלעגע האט מיך שוין אייפמערקזאם געמאכט אונטערנסט מיך געווארנט — מסתם ווייסט ער פארוואס . . .

ווי עס ציטערן מיר די פינגער — א' נישט פון אלטקייט!. . . נו, וועל איך מיך צוריקנעמען צו מיינע לידלעך.

## י י ד י ש ק י י ט

### א

וואלט איך געקענט אין
דער קונע דא שטיין'
שטעקעלע ארויס,
שטעקעלע אריין,

זאל איבער מיין לייב
מלקות אזוי גיין — —
שלאגנדיק אזוי
ביז איך זאל אויסגיין.

לעצטן כארכל נאך,
פארבייסן מיט ציין,



און יעטווידן שפיי,
אין פנים אריין.

נישט רירנדיק מיך
פון הייליקן ארט,
אויסגיין אזוי גאנץ
מיט מיין לעצטן ווארט.

### ב

אין רויטן מאנטל
פון אייגענעם בלוט,
ווי וואלט מיר געווען
דעמלט אזוי גוט.

נישט קיין מענטש מער
א שטיק־גלאזונע־גלוט
גאנץ אויפגעפלאקערט
פארלאשן שוין רוט.

ארויף, אראפ' ס'גייט
פייערדיק די רוט,
גאנץ פארגליווערט כ'בין,
ס'הארץ שוין קיין שלאג טוט —

א קונע די וועלט,
און אין ווינקל כ'שטיי,
אין מיין אייגן פנים
איך שפיי מיר און שפיי.

* * *

ס'ווערט קאלמוטנע אין ווייטשעפל'
קיים א ווארט יידיש מען הערט,
און מ'זעט נישט אויף א ברכה
א מזומן יידן מיט בערד.

צו וויינען אין בית־דין־געסל,
ברוך־השם מיר באשערט,
כ'דריי מיך אהין כ'דריי מיך, אהער;
בערדלעך אויף כשר צוגעשערט,

כ׳הער, זאל זיין אויף ענגאליש כאשט
הימישן: „טאמער פארקערט״—
סמוטנע כאפ איך מיך ארײנװוי,
נו׳ צי שטעלן אויף א פערד — —

איין מניה? כאטש צען מנינים!
און מני־בי׳ אויף דער שטעל,
א קדיש־יתום אפגעקנאקט,
ארײנגעכאפט אויף דער שנעל.

* * *

אז ר׳ חזקאלע ארײנגעלאפן
צום פאטער אימהדיק־אויפגערעגט;
דערשראקן דער זקן אים אנגעקוקט
און מיט גוטע אויגן אים געפרעגט:

„מיין קינד, וואס אזוינס איז דאס דארט געשען?״
דער זון, מיט געיאמער, זיך צעוויינט:
„מילא, מען שפּילט קארטן אין בית־מדרש,
מען טאר נישט לערנען, עס איז ניטל היינט,

„אבער זינגען מיטן ׳אבותי כי
בטחו׳־ניגון, בדחניש צום גראם,
און די קארטן אנרופן ׳ס׳תהילימל׳״ — —
נאך העכער זיך צעוויינט דער איש־תם.

האט דער ׳חסד־לאברהם׳ אנגעקוקט
מיט גרויס גוטסקייט זיין הייליקן זון:
„הער אויס מיט קאפ — נישט נאר מיט הארץ,
וועל איך דיר זאגן דעם טעם דער פון.

„אויב יידן רופן א פעשל קארטן
׳תהילימל׳, איז עס נישט אומזיסט;
וויפיל קראנקע, נוטה למיתה שוין
א קערטל געהאלפן, וואלסט געוויסט — —

„מען זיצט חבריש, ברידערלעך צוזאם,
וואס נישט אין דער קארט ס׳איז מ׳רעדט, מען זינגט
א מין שבת־אחים גם יחד, אז
גאט אליין קומט צו א שטיק געזינגט — —



„לחיים! יא א ברכה, נישט א ברכה,
טראכט כביכול, אונזער גוטער גאט
אבי א קראנקער, נעבעכדיקער ייד,
א רפואה שלימה באלד האט.

„אסך מער ווי מיינע ווינטשעוואניעס,
גלויב מיר, אזא קערטל ברענגט א טרייסט — —
מייך טייערער זון׳ מיין יורש־עצר,
ווייס עס יעצט. אויב דו עס נאך נישט ווייסט.

„צו זיין זיידן, דעם הכם־מחוכם,
ווי קומט אן איניקל אזא תם?
קום, נעם דאס תהילימל״, שמייכלט ער
„מ׳וועט זאגן א קאפיטל צוזאם — —

„לערנען טאר מען טאקע נישט, ס׳איז ניטל,
איבער תהילים, סתם אין וועלט ארײן — —
גאטעניו׳ טאטע־פאטער הייליקער,
וויפיל צער אויף דער וועלט, וויפיל פּיין.

„אין זכות פון אונזער טאטן און זיידן,
דער מענטש דאך שוין ווערן אויסגעלייזט — —
חכם עדיף מנביא, שטייט נישט אזוי?!״
טרערן זייערע אויגן פארגלייזט —

א, זייער יאמערלעך געוויין דעמלט,
זייער תהילים זאגן צוזאם׳
אין יענער נאכט, פון חסד־לאברהם,
מיט זיין זון חזקאלע דעם איש־תם.

* * *

דער הייליקער תפארת־שלמה,
דער חכם מחוכם ווען ער
זיך שוין נישט מער ראטעווען געקענט,
זיך געראטעוועט מיט זיין ווילדקייט,
נישט מיט קיין געוויין — נאר נישט קיין טרער!

„אויב נישט נאך העכער״? איז אין תהום!!
אין טיפסטער טיפעניש אראפ;
איין טראפ צער מער ווי אלע טרערן——

אלע זיבן מאל זיבן הימלען
איינברעכן מען מוז מיטן קאפ.

אן „תפארת שבתפארת“ — — —
אויב נישט דערגרייכן דאס מען קען
טא די גאנצענע מעשה וואס טויג?
א „מה שפגמתי בספירה“ —
אויב קענטס נישט, איז־אף־על־פי כן!!!

* * *

יידישקייט — —
יידיש איז די קייט,
וואס האלט אונז צוזאם;
וואס מאכט אונז לעם־אחד.

אז יידן צוויי,
שלום צווישן זיי,
צוזאמען שטיין — —
לייען:
מאכט עס נישט גאט?

דער זעלבער גוטער ייד
געזאגט האט
אויך אמאל:
„פארוואס הייסט א ישראל
א ייד?“

„זע ווי דאס נס איז גרויס,
וויפיל נישט מעקן מ׳זאל
דאס אות
יוד — —
עס בלייבט אלעמאל
א י.“

## „. . ככל העמים בית ישראל“

מען וואשט זיך די וועש איצט פאר די וואלן —
„די ווייסע קעלנער“ זיינען אזוי שמוציק!
ראש־ממשלה אויסגעוויילט צו ווערן
ס׳ווילט זיך כאטש ווערן יעדן פאוואזשנעם צוציק.



מען גיסט זיך דאס שמוציקע זייף־וואסער
אין די אייגעלעך איינער דעם אנדערן,
מען זאל נישט זען מסתם ווי חלוקה־געלט
אין גלות־בענק יורדיש, נעבעך, וואנדערן.

* * *

וואס איז שוין א גלות יידל?
כאטשע זיך אליין צו באגראבן!
א ככל הגוים־פאלק זיין
און אן אטאם־באמבע צו האבן.

און נישט נאר צו האבן! איינער
פון די דריי גרויסע שוין צו ווערן.
נישט בלויז יאפע פאמעראנצן —
עקספארטירן אטאם־געווערן!

* * *

„אויב מיין לאנד זאל אונטערגיין,
איז אונזער פאלק דערמיט“:
ניין, דאס איז נישט קיין גיבור,
דאס איז אן עגאאיסט.

„תמות נפשי עם פלישתים“—
ס׳אייגענע פאלק בלייבן!
פאר פאלק ווען ס׳איז נויטיק —
„נצח ישראל לא ישקר“:

די צוויי טויזנט יאר גלות,
נישט ווייניקער אייניציק — —
אזוינס נאך נישט באוויזן,
קיין אומה ולשון

* * *

די שלומים־געלדער וועלן באלד אויפהערן?
נו, וועלן זיך נייע סאדיסטן געפינען!
גלות־יידעלעך ברוך־השם פאראנען — —
אז מלחמה איז מלחמה — בליט מיז רינען!

ארץ גיט צו אפיצירן, די גענעראלן!!
נו, מוז דער גאלוט די קדושים געבן!
א׳ פאראן אזעלכענע גרויס־פאליטיקער,
מיט זיידענע־ און אייזערנע־הענטשקעס — כ׳לעבן!

גלות־יידן, אסט־יידן — זעקס פאר א גראשן,
א, ווי זיי עקלען דאס זיי און זייער לשון;
פאליטיק איז פאליטיק — אויב נישט נאך טיפער — —
די קרעמאטאריעס זיינען נאך נישט פארלאשן.

די ווערטער אומדערהערטע, אונטערגעהערטע'
גענומען זיי פון די קנייטשן פון מיין שטערן?
פון צווישן די שורות דארט דער קין־צייכן,
פינסטער צו ברענען ער וויל נישט אויפהערן.

* * *

עס פאסט דאך איר נישט, אז זי זאל זיין געוועזן'
די איינציקע וואס האט זי געטון טון ווארפן,
דערפאר דארפן יידן וואס האלטן אין איין שרייען:
„א פאלק אויף א פאלק וועט קיין שווערט נישט מער שארפן"—

א שווערט כ'לעבן נישט, וואסער ווערט האט אזא איצט?
אבער באמבע א גאנץ לאנד חרוב מאכן — —
נו, זעט איר דאך בפירוש אז טאקע גראד זיי,
ס'הייליקע פאלק פון די הייליקע תנכ"ן — — —

האט טאקע דער מיניסטער־קאפ מיסטער בראון'
פינף און צוואנציק אטאם־באמב־קאריערס גענומען,
נאך ישראל גאר אייליק געטון צושיקן,
גראד צו דער שלוש־סעודות־שעה דארט אנצוקומען.

* * *

אזוי ווי זיינע קארטן־הייזלעך א קינד
אויפצווישטעלן קיינמאל נישט מיד וועט ווערן,
אזוי כביכול זיינע עולמות
בונם ומחריבם נישט אויפציהערן.

און ווען ער אינזער וועלטל חרוב מאכן,
אסך שענערס מסתם צוריק אויפשטעלן,
— וועט ער און אדמל דעריז אויך האבן?—
א וועלטעלע גאט און לייט צו געפעלן.

אינזערס ווי האט עס זיך' נעבעך, פארפלאנטערט
מיט עלעקטרישע דראטן, מיט גאז־רערן,
איין דרוק ביי דראט־לאזן ראדיא־טעלעוויזאר,
און דאס גאנצענע שפילעכל נישט ווערן —



* * *

מיליאנען, מיליארדן דרייען זיך רעדער,
דאס אויטא־געלויף' די ווילדע מאשינען —
עס וועט נישט לאנג דויערן ביז דער גאנצער,
גאנצער כדור־הארץ אראפ פון זינען — —

ס'איז די ערד א מין ווילדער ביליארד־טיש,
הין־אהער לויפן משוגענע באלן;
מיט דינאמיט אנגעפילט, מיט פראך געשטאפט
ביז אין איין רגע זיי וועלן אויפקנאלן.

דער מילך־וועג, דער סאטורן, דער צווילינג'
און ווי אלע דארטן אויבן זיי הייסן —
דער בער דרייט זיך מרה־שחורהדיק ארום דארט,
כאטש אלע ביי לעבעדיק לייב צעבייסן.

דער ווילד־שווינדלדיקער געיעג אן אויפהער,
איינס ס'אנדערע רק וועלן איבעריאגן,
נישט צו דערקענען: צי ס'איז שקיעה־פלאקער
צי גרויער אויפגאנג גאר' ס'באגינט צו טאגן.

ווען נישט די פעטראל־שטאנע־רעגנבויגן,
פארנעפלטע ערד נאך מער צו פארשטינקען,
ליכטיקער וואלטן די רויזן געלויכטן,
די שלאנקע ליליען בלאנק־העלער געווינקען —

* * *

ווען די ערד צעפאלן, א שטויב־וואלקן זיין,
נישט קיין פייערווערק פון ליכטיקע שטערן'
די מרה־שחורה פון גאט צו צעשטערן —
קופעס אש צעבלאטיקן זיינע טרערן.

א דריי־בינעלע ס'איז אינזער ערדל,
צו דרייען זיך ס'טאר נישט אויפהערן;
ס'זיינען תמיד די זעלבע קוליסן,
ס'ענדערן זיך נאר די געווערן.

א דריי־בינעלע ס'איז אונזער ערדל,
צו דרייען זיך ס'טאר נישט אויפהערן:
אנדערש עס זיינען נאר די לידעלעך,
תמיד אבער די זעלבע טרערן.

* * *

פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע'
געבליבן איז די גיליאָטינע,
נאָך דער איצטיקער עס וועט שוין בלייבן,
ס'גאַנצע ערדעלע איין רואינע.

און מאָדנע, אַז שטעטס צוויי קינע לעמעלס,
דרייען זיך אַרום אויף דער בינע,
און אַצינד זיינען זיי, אַז אָך און ווייַ,
סאָוויעט רוסלאַנד און סאָוויעט כינע.

יאָ, צוויי שריט פאָראויס און איינע צוריק
אַזוי־אַ גאַנג פון דער טעאָריע
אָבער אַז קיין ערדעלע נישט זיין מער
גיי מאַך הינטער דיר די מעמאָריע.

אַ דריי־בינעלע ס'איז אונזער ערדל,
אַ טראַגי־קאָמישע היסטאָריע!
ווער ס'וויל זיין צווישן די לעבעדיקע,
מיז קלאַפּן „בּיס“ אויף דער גאַלעריע.

## „משוגע איש הרוח“

פאַרוואָס קיין נביא נישט געוואָרן?
משוגע איידער ס'וואָרט אַרויסגערעדט —
שטאָט זיינע רייד אַרויסגעשריגן'
פויסט געביילט צו קלאַפּן זיך על־חטא.

צו תשובה רופן, טרייסט וואָרט זאָגן?
אַז פון צער צעקרומט עס איז זיין מויל?
זיין יעדעס וואָרט געפאַלן עס וואָלט,
אַן איפּגעריסענע, גיפטיקע קויל.

אַ הונדערט־פּודיקע, אַ זיבן־
זוניקע' געוואַלטיקע אַטאָם־באָמב,
אין דער גאַנצער כדור־הארץ,
איין אומענדלעך גרויסער קאַטאַקאָמב.

* * *



פּנים־אל־פּנים איך האָב אים אָנגעטראָפן,
אַ משוגענער ער איז אַרומגעלאָפן,
רק געבעבעט צו זיך אין לויטער סטראָפן,
די ווילדע אויגן בלוט איבערגעלאָפן.

איינמאָל דערזען אין שפּיגל זיינע אויגן'
מיט אַ פויסט זיין אָרעם זיך אויסגעצויגן,
צעשפּליטערט ס'באַזילבערט גלאָז צעפלויגן — —
ווען כ'דערזע אים, מיין קאָפּ כ'טו בייגן.

* * *

. . צי מיז אַזאַ אין וויסטער מדבר ערשט לויפן
צו הערן ס'ציישן פון די גיפטיקע שלאַנגען?
ער הערט עס שוין אַרויס פון זיינע געזאַנגען.

וואָלט ער אין די גרוי־פאַרנעפּלטע מולד־נעכט
צום לבנה־האָקן איבן געקענט דערלאַנגען,
שוין לאַנג אויף גאַלגאַן מיט לאַנגער צונג געהאָנגען.

* * *

. . און צו אונז זיין יעדעם וואָרט ס'וואָלט געווען
אַ דונער ווי פון אַ וואַלקאַן־בראָך:
יעדער בליק פון זיין אויג, ס'ווילדע בליצן —
אַ שפּיז־גיפטיקער, בלוטיקער שטאָך:

„זיינען מיר דאָך שוין ככל־הגוים'
טאָ וואָס־זשע ווילן מיר איצטער נאָך?
שטאַרבן ס'זאָל נאָך ס'לעצטע גלות־יידל,
איז מיט אַטאָם־באָמבעלע אַ פּאָך.

„וואָס־זשע שוין אַצינד, אַ פּיקע, אַ שווערד,
מיט אַ נאָדל אַ פּליג כאַטש אַ שטאָך ——
כל־המינים גיפט־געמישטע גאַז,
אַ קינדער־שפּיל — נאַגל און פּראָך.

„יענס באָמבעלע' ס'אמתדיק געפּילטע,
און זיין גיט־וואָך — אַ זיס־מזלדיקע די וואָך;
און אויב ס'גאַנצע ערדעלע פאַרשווינדן,
נו, וועט זיין אינם הימל אַ לאָך?

„לאָמיר נאָכאַמאָל זיך מתווכח זיין,
איידער נאָך עס קומט די לעצטע בראָך,
איין רגע שפּעטער עס וועט זיין פאַרשפּילט — —
'הפוך בה הפוך בה' — — אפשר דאָך“.

ער דרייט זיך, דרייט זיך מיט שוים אויף די ליפּן'
און דאָס האַרץ אין זידיקן געקאָך — —
יאָ, משוגע ס'איז דער איש הרוח,
זיין צעפּלאַמט בלוט שמן זית זך.

*　　*　　*

אַט־אָ דעם שטראָם גראַם,
אין זיין בוזעם־טאַש,
געפינען — אים טויט'
אַט־אָ דעם בר־נש.

איין אויג שוין געווען,
פון פייגל צעפּיקט;
דאָס צווייטע ווי ווונד־
ערלעך נאָך צעבליקט:

„אַ גאָט זיך באַשאַפן,
אויף אים צו גאַפן,
אים צו באַגלאָצן,
מיט אים צו פּראָצן —

מיט פעדערן זיך באַקראַנצן,
באַרוישט אַרום אים צו טאַנצן!
פון ליים אים געקלעבט'
פון האָלץ אים געשניטן,
זע, ער לעבט
ער שוועבט,

„אויף וואָלקנס ער קומט געריטן,
אויף ים־כוואַליעס געברויזט —
זע אין די הימלען ער הויזט,
צום גוטן זיך געביטן — ——
טיף אין האַרץ אים אויסגעליטן'
פּנים אל פּנים אים דערזען,
דאָך געבליבן אַלץ ווי געווען.

„אַ חיה אַ רייב־פויגל מענטש געוועזן
און אַזאַ ער בלייבט;
יאָ ספרים ער שרייבט,
ביכער ער טוט לעזן,



די נעגל, די ציין'
שאַרף געשליפן,
און אין קיזל־געשטיין,
פונקנדיק געקריצט העראָגליפן,
חיה אָבער און רויב־פויגל.
געבליבן:

„ווי ס'דרייט זיך זיין אָדלער אויגל,
רעדל אין רעדל געטריבן,
פעדערן פון די פליגל געריסן,
געשריבן,
און נחת געקליבן:
טעזן אַנטי־ און סינטעזן —
אָבער אַלץ ביים אַלטן ווי געוועזן.

„נאַקעט און בלויז,
פון הייל אַרויס'
פון מאַמע־ערד שויס,
פון נעסט אַראָפּ,
און קאָפּ אויף קאָפּ,

געשטורמט בלאָק אויף בלאָק,
הונדערט און צוואַנציק שטאָק
„מיט זיין מאַלפּישן סמיק,
איין דריק,
און אַלצדינג איז אויס —

„גרויסער גאָט!
די מילע־מיליאַרדן וואָלט — —
אָ, ווי וואָלט איך געוואָלט,
מיט אוראַנג־אוטאַנג געהייל,
צוריק אין מיין הייליקע הייל."—

## ס ך - ה כ ל

אַ בילד פון זיין בילד דעם מענטש האָט גאָט געקנאָטן'
אָבער אַפּנים ס'איז אים נישט גאַנץ געראָטן;
וואָרפט דאָך יעטווידעס מענטשל פון זיך אַ שאָטן — —
אָבער האָט כביכול אַליין נישט זיין — שטן?

דער גרויסער סך־הכל פון אלע סך הכלען,
עס טוט אונזער וועלטעלע אייביק זיך וואקלען,
און מענטשעלע מיט מענטשל אייביק זיך מקלען,
בלייבט טאקע רק ס׳לחיים־כוסעלע און שהכלען ?

פאראן ליטעראטן און ליטעראטוטן,
קליינע גדולים און גרויסע לילעפוטן — —
אזוי ווי מיטביידע כ׳בין א שטיקל מחותן׳
בלייב איך א ליליפוט צווישן לאפיטוטן.

ווי פלעגט דער קאצקער זיינע חסידים שרעקן:
„כל זמן מען איז יונג און די כוחות נאך קלעקן,
אלע בייזע חטאים און מאוסע פלעקן,
כוח מען האט זיי צו פארדעקן און פארשטעקן,

„ווערט מען אלט טוט זיך אלץ שוין דעמלט ענטפלעקן:
נישט א לייב מען איז — א שנעק צווישן שנעקן,
אבער" — וואס איז זיך דא אסך שוין צו שרעקן,
איז נישט זון אפילו א פולע מיט פלעקן ?

## אין מיין 80סטן געבוירן-טאג

איך בין נישט דאנטע און קען נישט זיין „גיהנום",
יעדער גייט שוין אדורך זיין אייגן גן־עדן;
ס׳איינציקע וואס מ׳קאן נאך האפן פון לעבן,
אז אמאל דאך הערט אויף דאס מענטשלעכע ליידן.

יא, מיינס אדער יענעמס נישט אונטערצושיידן.

אז פאר אונזערע אייגן עס וועט נאך געשען,
אדער ערשט ווען שערבעלעך אויף זיי שוין ליגן?
איך קען נישט מילטאנען, כ׳קען נישט זיין „גן־עדן"
איך קען אבער אונזער יידישלעכן ניגון.

יעדער קלאנג אין אים עכט׳ אן מינדעסטן ליגן.

פון דעם איינעם קלאנג „אוי" אין פין שווייגן דערנאך,
געמאכט איך האב אלע מיינע טויזנטער לידער;
און די פרייד אין זיי וואס זינגט ארויס —
אינם חדר שוין געלערנט פונם — רבינס סידור:

חולם אלף אוי — מיין טרוים שוין אזא מידער.



די 6־7 ביכלעך אין בערלין געדרוקט די איניקע זשורנאלן וואס מיט חברים ארויסגעגעבן, וואס אפגעראטעוועט פון מיינע פארלוירענע כתב יד, זיינען אפשר געבליבן דא און דארט אין א ביבליאטעק איינס אדער צוויי ביכער.

די געלאזענע אין בערלין אלע מיינע ביכערביים אוועקפארן ביי א פריינט אין א קעלער, האט מען מיר געענטפערט: „דאס מיסט האט מען ארויסגעשמיסן".

נאר דערמאנען צוויי אופנים׳ וואס מיט מיינע נישט געדרוקט זאכן ס׳איז געשען.

* * *

אין יענע יארן ווען דאס ראמאנישע קאפע איז געווען מיין היים, נאך צוויי ביינאכט, ווען מ׳האט׳ס געשלאסן בין איך אפגעזעסן די 3־4 שעה ביז א רעסטאראנדל האט זיך ווו געעפנט, און ווארטע־זאל אויפן „באנהאף צאא" אדער אין א גארטן אויף א באנק.

אין איין טאג קומען אן קיין בערלין, און דירעקט אין ראמאנישן קאפע אריין עוזר יווארשאווסקי הי״ד און אורי צבי גרינבערג. אין איינע א נאכט, זע איך ס׳קאפע איז שוין גאנץ ליידיק מיט מיר זיצט גרינבערג, ער טראכט מסתם: מילא, אנזיצן ביי דעם שטענצלען א 4־5 שעה׳ כאפן א זשים אויף זיינע זאפע . . . גיין זוכן א האטעל־צימער אפילו אין גרענאדיר סטר האטעלעכל איז נישט פאר אונזער טאש. לאזן מיר זיך צום שלעזישן־באנהויף צו, ווו ס׳געפינט ביליקע האטעלעכלעך, „איינשטייג קוואטירן".

דערזעט א נאכט־וואנדלער, א „צוהעלטער", מיין פולן־בוזעם אנגעפאקט מיט מיינע כתב־ידן׳ און איז זיכער אז דארט איז די אמת מאטיא איז איין דריי מיט זיין „גאלדן־הענטל" און והילד איננו.

והשנית: ווי מיינע געזאמלטע ליבע־לידער אין מאנוסקריפט, „זוך איך דיך" איז פארקומען:

אין איין העלן טאג לייען איך א מודעה פון דר. ווייכערט, אז ער גרינדעט א פערלאג פאר פאעזיע. איך שיק עס אים צו און אין קול ואין עונה!

אין די הונדערטער נומערן „לשון און לעבן" וועלן שוין מיינע לידער און עסייען, און די 2000 זייטן אויטאביאגראפיע בלייבן „אומשטערבלעך". . .

אז מ׳האלט שוין ביי „לשון און לעבן" לאמיך שוין דערמאנען נאך עפעס: זייענדיק דאס ערשטע מאל אין ירושלים, 1950, זאגט גרינבערג צו מיר:

וואלסט הנאה געהאט, ווען דו זעכט ווי מ׳פאכעט אין כנסת ביי א שארפער דיסקוסיע מיט דיין דזשורנאל: „זעט וואס מ׳שרייבט אין לאנדאן": קומט דאך אהער׳ וועל איך ווידער אנהייבן שרייבן יידיש.

## נייער יידישער לייען-קרייז פאר י׳גנט אין לאנדאן

שוין אן ערך דריי חדשים וואס ס׳טרעפט זיך יעדן זונטיק אין האמ־פסטעד א יידישער לייען־קרייז פאר יונגע מענטשן וועלכע אינטערעסירן זיך אויסצובעסערן זייער גערעדטן יידיש און צו באקענען זיך נענטער מיט די ליטערארישע אוצרות וואס זיינען געשאפן געווארן אין דער יידי־שער שפראך — ניט דורך תרגומים און פארשיידענע אנדערע גלגולים אלא טאקע אין דער אריגינעלער שפראך.

דער קרייז איז ארגאניזירט געווארן דורך דוד דזשאנאגלי (ביי אים אין דער היים קומען טאקע פאר די זיצונגען), ר׳ חיים (וועלכער האט געארבעט א סך ארום די ארגיניזאציאנעלע פראבלעמען וואס זיינען פאר־בונדן מיט דער גרינדונג פון א געראטענעם לייען־קרייז) און דוד קאץ (וועלכער איז דער לעקטאר ביי די וועכנטליכע באגעגענישן).

דערווייל איז דעם קרייז געראטן צו לייענען פון די ווערק פון שלום עליכם, יוסף אפאטאשו, אברהם רייזען, א. ראבאי און אנדערע. איטלעכער וואס קומט לייענט א פאראגראף אדער צוויי און פרטייטשט, און בעסערט אויס דערמיט זיינע אדער אירע קענטעניש אין יידיש. בעת מען לייענט ווערן אלע דיסקוסיעס געפירט אויף יידיש. דאס הייסט׳ דער תכלית פון דער גרופע באשטייט ניט אין ריין אקאדעמישע טעמים, נאר וואס דען, די באטייליקטע באמיען זיך צו לייענען ריכטיק און קלאר יידיש, ערשטנס טאקע לשם ליטעראטור און צווייטנס כדי וואס בעסער צו קענען ריידן, פארשטיין, לייענען און שרייבן יידיש.

אט דער קרייז אינטערשיידט זיך פון די אנדערע איניציאטיוון אויף דעם געביט דערמיט וואס זיין ארבעט און זיין צוועק זיינען געווידמעט דורכאויס דער יוגנט.

די ארבעט איז דערווייל שטארק געלונגען. דער יינגסטער וואס האט זיך באטייליקט איז פופצן יאר אלט׳ די מערהייט זיינען אין די צוואנציקער און דרייסיקער יארן, און עטלעכע אין די פערציקער און פופציקער. די קלענסטע צאל מענטשן ביי א זיצונג (אין די ערשטע דריי חדשים פונעם לייען־קרייז, ד״ה פון אנהייב פעברואר ביז אנהייב מאי) איז געווען זיבן און די העכסטע צאל ביי א זיצונג — איין און צוואנציק. דאס איז נאר א ראיה וואסערע פריילעכע רעזולטאטן ס׳וואלטן געקענט זיין ווען ס׳וואלט געפירט געווארן מער ארבעט לטובת יידיש און לטובת דער מזרח־אייראפעאישער יידישער קולטור צווישן דער יידישער יוגנט אין לאנדאן.

א באטייליקטער




# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460־63 | 38׳סטער יארגאנג | יוני־סעפט. 1977 | לאנדאן


### אינהאלט


די ערשטע סליחות אין קאצק, ימים נוראים ........ 3

ביאליקס יארצייט ........ ש. גאלדשמידט 20

בלומען אויף איר קבר ........ פעלא פעלד 21

צו שלום אשס 20׳סטער יארצייט, לידער ........ א. נ. שטענצל 24

אין טריט־שפורן פון אברהם גאלאמב (עסיי) ........ ב. שלעווין 30

צום פאעט א. מ. ליטווין ........ שיע טענענבוים 32

דער קאנצערט פון סעם גאלדבערג ........ שמואל מאלך 33

דער זילבערנער יובילעאום ........ הערי אריעל 34

וועגן די „פרענדשיפ־קלאבס“ ........ איזיק גאלדבערג 36

אויף קבר אבות ........ נעט רובין 37

ביים כנרת שטייט א יתום (ליד) ........ שמואל ווהייט 38

עס גלאנצן די שטערן (ליד) ........ הערי פאצאנאווסקי 39

שלאף מייך קיבוץ־יינגעלע (ליד) ........ דוד בערמאן 40

מיין זומער־פייגעלע איז טויט (ליד) ........ עלא זילבערג 40

דער מאטראז די זקנה און דאס מיידל (פאעמע) ........ 41

די עלעגיע פון די יידישע שטעטלעך (עלעגיע) ........ א. סלאימסקי 42

בענקשאפט ........ אסתר ערלעכמאן 43

פארן גוטן פריינט דעם פאעט א. נ. שטענצל צום 80סטן געבורטס טאג ........ עלא זילבערג 44

דיין וועג (ווידמונג ליד) ........ איזיק גאלדבערג 45

צו מיינע שמונים (לידער) ........ ש. 46



רעדאגירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*